STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03492

TSURIK TSUM GETO

M. Granitstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. לייוויק

צום אנדענק

משה גראַניטשטיין.

צוריק צום געטאָ

(אַ פּיער-פּראָבע)

☆

בוענאָס איירעס
1939

ביכער פון משה גראניטשטיין.

פּאָעזיע.

שטאַפּלען, לידער און געזאַנגען.

פּובליציסטיק.

פון תחום צו תחום, זכרונות און באטראכטונגען איבערן שטעטעל.

דערציילונגען און נאָוועלן.

וואָס האָט געוואָלט פרוי גאַסטער?
פון ביידע זייטן בריק.
די אוואַנטורעס פון חבר האַמערל.
באַם וואָגזאַל.

בילדער פונעם אַפּגייענדן שטעטל.

ערשטער באַנד. — דאָס שטעטל רעדט.

סאָציאָלאָגיע.

די מאַסע און אירע דערלייזער. (ווערטן־איבערשאַצונג.)
קורצע וועלט־געשיכטע פון אידישן פאָלק.

דאָס לעבן האָט נישט
געגיבן קיין ענטפער

די ערשטע אילוזיאָן

ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד; געדענק איך, וויאַזוי מע האָט באַ אונז אין שטעטל געעפנט דעם ערשטן קינאָ, וועלכן מע האָט דאַן גערופן — אילוזיאָן. עס איז געווען ניי, פרעמד און לאָקנד פאַר גרויס און קליין. מע איז געלאָפן אַהינצו; מע האָט געחלומט וועגן דאָרט באַטאָג, באַנאַכט. אויפגעבויעט דעם קינאָ האָט איינער פון די שטעטלשע נגידים, און אינעם שענצטן שטאָט־פערטל, אויף ניעווסקי פּראָספּעקט; דאָרט, וואו שטעטלשע יוגנט האָט, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון שמידאָוויץ, געוואַגט צו ברעכן די איינגעשטעלטע טראַדיציע, זיינט דורות, און אַרוים שפּאַצירן, אינגלעך מיט מיידלעך צוזאַמען, געפּלאַטערט, געבּרענט אַ וועלט, זיך־איבערגעוואָרפן מיט גליענדיקע בליקן, מיט פלאַם־פייערדיקע ווערטער, זיך־דערלאַנגט די הענט, קאָנטשאַפּט געשלאָסן, געפיבערט, אַוועקגעשוועבט ווייטער צוזאַמען איבערן פּראָספּעקט, ווי אויף הייסע קוילן געשפּאַנט; ביז, מע איז פאַרשוואונדן אינעם טונקעלן זאַל פון קינאָ, וואו עס האָט אויפגעראַשט און עס האָט געבלענדט יענע ווייטע אילוזיאָן...

וויאַזוי־זשע באַקומט מען זיך אַריין אין קינאָ? — איך בין געווען אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, קרעמער, פּשוטע פרומע לייט, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער גאַנצער זאַך. געצויגן האָט מיך אַהינצו, ווי מיט צוואַנגען, געכּישופט, נישט געלאָזן רוען. פלעג איך מיך אַרומדרייען דאָרטן לאַנגע שעה'ן, אין די אָוונטן, געלאָקערט אַרום דער טיר, געלויערט אָפן היטער, אפשר וועט ער פאַרקוקן אין אַ זייט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, געבענטשט זאָל נאָר זיין די שעה...

אַמאָל איז דאָס געלונגען. איך בין געווען אינעווייניק. אַרום איז טונ־

קל. עס גייט, ווי א הייליקע עבודה. איך שלינג די זעונג אפן עקראן, מיט אויפגעריסענע בליקן, מיט געפערליכן הארץ־קלאפּ, מיט זיסן שווידער. אָט דאָס געזעגענע דאָרף מיר גוט־מאכן אסאך זאכן דאָרט אינעווייניק, פאר־ענטפערן אסאך שארף־אוועקגעשטעלטע קינדערשע פראגן, וואָס פּאָדערן א דרינגענדן און קאטעגאָרישן ענטפער, א פולן און א גראָדליניקן, ווילן נישט וויסן פון קיין הריידלעך...

די בילדער פון יענער צייט זענען פארבליבן שוועבן פארן דמיון אף תמיד. אָט באוויזט זיך זשאן־וואלזשאן פון אונטערן וואסער, וואו ער איז געווען אויסבאהאלטן פאר זיינע פארפאָלגער. ער איז ניצל געוואָרן. ער איז פריי. און עמיצער שרייט אריין אין מיין בלוט: — ער איז פריי! דו הערסט? — און איך ענטפער אָפּ: — ער איז פריי. איך הער. איך האָב דאָס אליין געזען! — און איך קוק ווייטער נאָך דעם לויף פון דער זאך, ווייל איך טאָר אים נישט פארלירן פונעם אויג, זשאן־וואלזשאנען. דאָרט וואו ער, בין איך...

נאָר, אָט פארשווינדט דאָס פּלוצים. אין א רייך הויז קומט אריין א יונגער שיינער פּרינץ. ער טרעפט דאָרטן אליין א יונגע שיינע פרוי. זיי אומארעמען זיך און זיי קושן זיך אף אן אמת אזוי היים, מיט אזא ברען. זיי זענען אזוי גליקלעך. זיי זעען גאָרנישט פאר די אויגן און ארום זיך. די אומגליקליכלעכע. אָט גייט אריין פּלוצים דער פרוים מאן, מיט א שרעקלעך פּנים, און צעשיידט זיי. ביידע בלייבן שטיין מיט אראָפּגע־לאָזטע קעפּ, ווי צוויי גרויסע קינדער. וואָס וועט עס זיין פון זיי?... דער מאן רעדט נישט קיין וואָרט. פון א טיש־קעסטל נעמט ער ארויס צוויי פּיסטוילן, איינעם מיט קוילן, איינעם א ליידיקן. ער שטרעקט זיי אויס צום יונגען פּרינץ, און יענער זאָל אויסוויילן פון זיי איינעם. דער פּרינץ פּרוואווט אזוי טאָן. ער האלט שוין אויסגעשטרעקט זיין האנט. אָבער דאָ לויפט אונטער די יונגע פרוי, אין איינע טויט־שרעק. זי האָט באמערקט אף איר מאנס פּנים א בייזן שמייכל. זי ווענדט אָפּ מיט האסט יענעמס אויסגעשטרעקטע האנט, רייסט ארויס באם מאן דעם אנדערן פּיסטויל און גיט אים איבער דעם פּרינץ... — זי האָט אים געראטעוועט!... — ביי־דע לאָזן זיך גיין צום דרויסן. זי בלייבט איינע אליין. איינע אליין. וואָס

האָט זי געטאָן? ג אָ ט, וואָס האָט זי געטאָן?! — עס דערהערט זיך אַ שאָס. אַ ווײַלע. אױפֿן שװעל דערזעט זי דעם מאַן. ער שמײכלט נישט מער.

אין זאַל, לעבן דער ראַמפּע, איז געשטאַנען אַ פּיאַנאָ־אינסטרומענט, וואו עס האָט געשפּילט אַ פּיאַניסט, און עס האָט אים באַגלייט אַ פֿידלער. זייער צושפּיל צו די בילדער האָט מיך דורכגענומען אינגאַנצן, האָט מיך געמאַכט פֿאַר אוים מענטש. איך האָב קײנמאָל נישט געוואוסט אױף רעכט, וואָס עס טוט אין מיר שטאַרקער; די ווייטע פֿרעמדע אילוזיאָן דאָרט, אױפֿן עקראַן; צי דער מוזיק־טומל, אָן לעבן־מיר, אין זאַל, וואָס קאַטעוועט מיר מײַן לײַב, וואָס פּײַניקט מיך פֿון אויבן ביז אַראָפּ. נאָר, אַז איך בין אַרויס פֿון דאָרטן, און די זונג פֿאַר מײַנע אויגן האָט זיך עטוואָס פֿאַר־טושט; איז מיר נאָך אַלץ נאָכגעגאַן דער טאָן, און נערעגט, און פֿאַרלאָפֿן דעם וועג אַהיים...

איינמאָל, אַז עס איז געוואָרן ליכטיק אין זאַל; איז מען צוגעקומען צו מיר, אָנגענומען פֿעסט און צוגעפֿירט ביז צו דער טיר. דאָרטן, נאָך אַ קורצן געראַנגל; ווײַל איך האָב מיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט אַלע מײַנע אָרעמע כוחות; האָט מען מיך ברוטאַל אַרונטערגעשליידערט פֿון אַזעלכע צוואַנציק־דרײַסיק טרעפּ. (עס איז מער נישט געווען.) קומענדיק צו זיך, אַ גאַנצער, האָב איך אינסטינקטיוו אַ קוק געטאָן פֿאַר־זיך אױף דער שטרע־סע, וואָס איך האָב אַזוי־קונציק דורכגעמאַכט, און איך בין נישט גע־בליבן אינגאַנצן אומצעפֿרידן דערפֿון.

איך האָב אַהין צוריקגעקערט אַסאַך מאָל; נאָך אַלס קינד. משמעות, ווײַל איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט. איך האָב געהאַט איין עובֿדה — היטן די טיר. אײַ, מע האָט זי שוין געהיטן פֿ אַ ר מיר? איז דאָס אַלץ קיין תּרוץ נישט; ווײַל איך האָב, אײַנגנטלעך, געדאַרפֿט היטן דעם היטער אַליין; אַזוי האָב איך מיר פֿירגענומען אומגעבעטענערהייט; ווײַל ער האָט נישט געטויגט, יענער היטער, דער רוצח. אַזוי האָב איך, וויפֿל מאָל דערנאָך, פֿעסטגעשטעלט בײַ זיך, בעת איך בין ווידער געווען אינווייניק, אין זאַל, אין דער טונקל; אין פֿרייד און אין לייד; און אין טויט־שרעק פֿאַרן ליכט.

ארום דער פארבאַטענער טיר האָב איך געפּאדעט שטענדיק. איך האָב מיך, מיט דער צייט, שארף ארויפגעארבעט. איך האָב מיך דאָרטן, בא יענער טיר, נישט שלעכט איינגעאָרדנט; און קיינער אין דער וועלט האָט מיר מער גאָרנישט געקאָנט טאָן. אָנשפארנדיק זיך דאָרט, האָב איך צוגעטאָן די אויגן און — גלייך גענומען זעען יענע מיר־באקאַנטע אילו־זיאָנען פונעם עקראַן. אָבער, פון אינעווייניק זאָל, און דורך דער סאמע־פאַרבאָטענער טיר, האָט צו מיר אהער געגרייכט יענע פיינפולע מוזיק, וועלכע האָט מיך געקאַטעוועט נישט ווינציקער, ווי ווען פון דער נאָענט.

איר הערט? — מיר האָט, מיט אַן אמת, גענומען ווערן אַלציינס. מע ווארפט פון אַלע טרעפּ? — ווארפט מען! — מע פארשפארט פאר דיר טירן? — זאָל מען! — מע פייפט אף אזוינע זאכן. אָבער, ק ל א נ ג ע ן, ברודערקע, זיי וועסטו נישט פארשפארן. זיי גייען דורך דיינע נארישע טירן גלייך אהין, וואו מע באדארף.

איינמאָל, אף אינאָוונט, האָב איך מיר דורכגעשפּאצירט איבערן הויף פון יענעם גרויסן הויז. געוואוסט האָב איך, אז יענער גביר, דער באַלע־באָס פונעם קינאָ, וואוינט טאקע דאָ, ערגעץ אף אן אויבערשטן גאָרן. געזאָגט האָט מען אין שטעטל, אז זיינע דריי קינדער, צוויי בחורים און א מיידל, זענען זייער מוזיקאַליש; א גאַנץ יאָר שטודירן זיי ערגעץ, אין טיף רוסלאַנד; זיי קערן אום אהיים אפן זומער. דאָס אַלץ איז געווען פאר מיר זייער וויכטיק; און איך האָב דאָס געגוי געמוזט דערגיין.

אונטער אן אָפן פענצטער בין איך געבליבן שטיין. עס זענען דער־גאנגען פון דאָרט פארדעכטיקטע קלאַנגען; ווי מע שטעלט אָן מוזיק־אינס־טרומענטן. איך בין געוואָרן אומרואיק און מיך געלאָזן אוועקלויפן ווייט איבערן טונקעלן הויף; בין געבליבן שטיין קעגניבער יענעם פענצטער, אהינצו ארויפגעקוקט. צוויי אינגלעך און א מיידל האָבן זיך געעסקט, איי־נער — ארום א פּיאַנאָ; דער צווייטער — מיט א פידל; און דאָס מיידל האָט געהאט צו טאָן מיט דער וויאָלאָנטשעל. אז זיי האָבן פארענדיקט די צוגרייטונגען, האָבן זיי זיך אויפגעדרענגט; איטלעכער אף זיין פּלאַץ האָט אָנגעהויבן שפּילן.

דאָס איז געווען עפּעס אנדערש פון יענער מוזיק אינעם קינאָ. זי

האָט נישט געבריט אַזוי דאָס האַרץ, נישט געבלוטעט; אָבער, אויך נישט געגלעט, נישט פאַרוויגט; נאָר, איידל אַזוי און צאַרט דיך אונטערגעהויבן פון דיין אָרט; הויך, אינדערלופטן, וואו דו פילסט זיך אַזוי זיכער, אַזוי שטאַרק. קינד; זאָג, וואָס ווילסטו? דיין באַגער וואָס איז? און שפּרייט אויס דיין אָרעם, און גיי אַזוי רואיק איבער די נייע בריקן, וועלכע פּלייצן פאַר דיר, וועלכע שפּרייטן זיך פאַר דיר אַהינצו, וואוהין דו ווילסט, דיין האַרץ גלוסט, דיין האַרץ. אָ, מיין אָרעם קינדערש האַרץ... און מיטאַמאָל, האָט די מוזיק אַ ציַ־געטאָן שטאַרקער. דער, וואָס באַ דער פּיאַנאָ; וועמעס פּנים עס איז געבליבן פאַר מיר פאַרהוילן; האָט אַ נעם־געטאָן דעם רול אין די הענט; ער איז אַוועק, און די איבעריקע צוויי — נאָך אים; מיך־לאָזנדיק הענגען אינדערלופטן.

*   *   *

יאָרן זענען אריבער. שווערע, געדרעַנגטע, איבערגעלאָדענע. איך האָב געזונגען אַסאַך. מיטיינמאָל האָט זיך אַנטפּלעקט אין מיר אַ קוואַל נגינה. אומעטום, וואו איך בין געגאַן און געשטאַנען, האָט מיך באַגלייט דאָס געזאַנג; מיין אייגן געזאַנג; וואָס פלעגט מיך אָפּט שלאָגן ביז טרערן, פון פּיין, פון ווייטיק, פון גוטסקייט. איך האָב געקאָנט אַסאַך ניגונים פונעם טאַטן, פון דער מאַמען; געהערט פון חברים, באַקאָנטע, נאָענטע, ווייטע; אומעטום, וואו מענטשן גייען פאַרביי, באַלאָדענע מיט זאַפט פון לעבן, פאַרלירן איבערן וועג אַ ליד, לאָזן. פאַלן אַ קלאַנג, אַ ציטער, אַ קרעכץ; פון הערן און געדענקען; אומעטום בין איך אויסגעוואַקסן, אַ בראַנד־דורשטיקער, אַ בייזער גייסט, אַ גוטער, אַ צוגעלאָזענער, אַ שטילער; ליבער מאַן, נאַ־דיר מיין נשמה, מיין אָטעם, און גיב מיר דיינעם; מיט גוטן, מיט בייזן, אַהער־גיב, זאָגט מען דיר... אַלץ האָב איך פאַרנומען, איינגעזאַפּט, פאַרשלונגען — ערשט, עס נעמט פון מיר ארויסזינגען פונדאַסניי די אייגענע פּיין, מיינע, קיינעמס נישט מער; און פלאַטערט, און רייסט זיך, ווי פון אַ שטייג; זי רייסט מיך מיט, אינערגעץ, אינערגעץ, אינדערוויַט. און איך נאָר, ווייַן מיט בלוטיקע טרערן און גיי מיט.

שפּעטער מיט יאָרן, טרעפט אַ צופאַל, און איך נעם שפּילן פידל. אַן אינסטרומענט האָב איך באַקומען אַן אייגענעם; און איך אַליין האָב אים געפּעכלט, ווי ווייט איך האָב געקאָנט. מיין שפּילן אױף אים איז שוין נישט געווען קיין צופאַל מער; ווי, אַ שטייגער, מיין געזאַנג, ביז דאַן. צום שפּילן האָב איך מיך גענומען גרייטן, ווי צום אָפּריכטן אַן עבודה. שוין אַ היבשער אינגל געווען, אַן ערנסטער, אַן ארומזוכער. איך האָב פּלוצלינג באַמערקט, וויאַזוי טאַטע־מאַמע, אייגענע שוועסטער און ברידער, הויבן אָן צו האָבן אָבשיי פאַר מיר; ווי פאַר איינעמען, וואָס איז זיי אַלעמען דאָ אַריבערגעוואַקסן; גאַנץ פּלוצים; מיט אַ קאָפּ העכער. נאָך אַלץ דער אייגענער לייבל; און, עפּעס אַזויווי פרעמד און ווייט — אַ שווייגער. דער מאַמעס האַנט וויל אַ גלעט־טאָן, אין פרייד; און דאָס האַרץ שרעקט זיך. דאָס אייגענע — דער טאַטע, די איבעריקע. מע האָט מיר אָפּגעגיבן אַן אייגן צימער אין דער אָרעמער שטוב; ווי פאַר מיין כבוד פּאַסט. און עס איז געווען, ווען איך פלעג צומאַכן די טיר הינטער זיך, גענומען מיין פידל אין האַנט, גענומען אומגיין איבערן צימער און געשפּילט; האָבן זיי גע־גומען שפּאַרן צו מיר פון אַלע זייטן, אַלע מיינע אַלטע און נייע ניגונים, גאַנצע און אָפּגעריסענע; זיי האָבן געצאַפּלט אונטער מיינע הענט, גע־בעטן באַרירן. און מיר האָט זיך נאָר אויסגעדוכט; אַז איך בין גוט אַריין אין עקסטאַז; אַז דאָס שפּיל איך אויס ז י ך אַליין, איבער מיין אייגן האַרץ, מיינע גלידער, איבער מיין בלוט; דאָס שפּיל איך אויס איינונייַ־ציק ליד, מיין אייגן ליד איז דאָס, זינט איך לעב, פון געבוירן אָן; מיין וויי־געשריי, מיין שיקזאַל, מיין לעבנס־רוף, מיין שאַלן פרייד; מיין ליד גייט פון דער טיף, אינייִנעם מיט מיין מאַרך און זאַפט, שפּאַרט פון אומעטום, פון די גלידער און אינגעווייד אַרויס אױף דער פריי; נאָר אױף דער פריי, ווייל עס וועט דיר גאָרנישט העלפן, נאָר אױף דער פריי, פריי, פריי... אַליין אַן אויסגעלייִדיקטער בלייב, אַ פאַרלענדטער, אַ שבר־כּלי, לעבן דיין באַפרייט געזאַנג, וואָס שניידט אַצינד, ווי אַ פייער־בויגן, אין דער הויך...

אַז איך פלעג אַרונטערלאָזן דעם פידל, אים אוועקגעלייגט אױף זיין אָרט; האָב איך אים באַטראַכט, מיט יראת־הכבוד, ווי ער גיט דאָס פון

זיך זיין אייגן פייער, זיין לעבן, אלץ, אבי מיך צו אוגאַדיען. נאָר, זינ־
גען — האָב איך גענומען באמערקן — זינגט ער דאָך גאָר זיין אייגן ליד;
ווי אלץ אין דער וועלט האָט זיך זיין ניגון, יעדער שטומער חפץ, דער
דומם אפילו, וועלכער פלאַטערט, וועלכער בענקט, און שלאָגט זיך, אף זיין
שטייגער, צו דער פריי. אז מיין טאַטע, צי די מאַמע (הינטער מיין טיר
פאַרטייעטע) פלעגן דערהערן אין מיין געזאַנג זייערס אַ מאָטיוו, אַ טאָן
בלויז; איז זיי אריין די נשמה צוריק אין גוף. אונזער קינד פון אמאָל...
ווי אַ געוואונענער בין איך פאַר זיי געשטאַנען; אזוי לאַנג, ביז איך האָב
אוועקגעפלאַטערט ווייט פון זיי, די עלנטע געלאָזן אליין; איך מיט מיין
געזאַנג אין פאָרויס, אין פלי, אין געראַנגל; איך גיב מיך נאָך נישט אונ־
טער. איך דערהויב מיך, און איך נידער; איך וויל פאַרפלייצט ווערן אין
שטורעם; גרייט אומצוקומען צווישן כוואַליעס, ווי בערג. אהער קומט;
קלאַנגען, וואו זענט איר? הויפנס, אלע איבער מיר. נעמט מיך, ווייל איך
גיב זיך. איצט, איז מיר זיס אויפצוגיין אין פאַרגאַנג.

צום סוף, בין איך געבליבן — אַ טיף־אומצעפרידענער, אַ דערשי־
טערטער ביז צום גרונט. איך האָב געבענקט צו מיין גרויסן אינסטרומענט,
דער פיאַנאָ; מיט אירע פילפאַכע טאָנען און קלאַנגען, וואָס שטורעמען
שטענדיק־אויף מיינע קישקעס אין בויך. אז איך דערהער זי שפילן, ווער
איך בלייך און טויט אפן צורה; ווערט מיין בלוט געראָנען. אזוי פאַר־
שווינדט פון מיר יעדער צווייפל און פיין; אזוי פאַרשווינדט פון מיר דער
אָרום; אזוי דערזע איך בלענדען פאַר מיין אויג מ י י ן א י י נ צ י ק ע
ג ר ו י ס ע וועלט, מ י י ן נ י י ע א י ל ו ז י ע, מ י י ן ל י ד.
איך בין גרייט צו שטאַרבן; נאָר — איין מאָל אין מיין לעבן וויל איך מיין
ליד דערהערן!

* * *

נאָך יאָרן זענען אריבער. צו יענער צייט האָבן די פאַרבאָטענע טירן
פון דער קינדהייט, אמאָל זיך געפּראוווט עפענען פאַר מיר אויך. אינעם
זעלבן זאַל פון אילוזיאָן; הגם, אַ שטאַרק־געענדערטן אפן אויסזעען; האָט

מען זיך געריכט אף א מוזיקאַלישן אָוונט. דער יונגער מייסטער פון דער קינסטלער־משפחה, דער פּיאַניסט, איז געוואָרן רייף און שטאַרק; געלאָזן ווייט הינטער זיך זיין ברודער און שוועסטער, מיט זייערע כלים, דעם פידל און דער וויאָלאָנטשעל; אַליין איז ער אוועק פאָרויס אין דער וועלט, אין לעבן אריין; טיפער אַלץ דרענגט ער, און ער גייט; ער רעכנט ערשט אָנהויבן גיין.

אינעם טונקעלן זאַל, ווידער ווי ערב דער עבודה. אף דער האַלב־באַ־לויכטענער בינע, ארויסגערוקט צו דער ראַמפּע, איז געשטאַנען די פּיאַ־נאָ אַליין און געוואַרט. אַלע אינעם זאַל האָבן אויך געוואַרט און אָנגע־שטרענגט געקוקט אהינצו. ווי ער איז אַפּערגעקומען אַליין פון דער טונקל. ער האָט שוין ניט געדולדט מער; ווי אַמאָל; קיין באַגלייטער לעבן זיך, בא דער זייט. אפילו נישט אין דער געהעריקער דיסטאַנץ, ווייט אהינטער. ער איז געגאַנגען צו זיין אינסטרומענט און אַלץ מער באַלויכטן געוואָרן; געוואָרן קענטיקער, אָנזיכטיקער, ברייט־בולטער, נאָר — אַלץ נישט נעענ־טער. ביז, ער איז אריין אין דער ליכט־רעם; א מיטלוויקסיק־ברייטגעזע־צער, א פעסטער, א קרעפטיקער, א גבר; מיט א הויכ־אויפגעטורעמטער טונקעלער לייבן־שעוועלורע, א צאַפּלדיקע און אן אומרואיקע, ווי אין רעב־טן מיטן קאַמף; א טונקעלער, מיט א שטאָלן־רואיק, אָבער ענערגיש פּנים און ברייט־צעשפּאַרטן שטערן; מיט ווייט־פאַרטראַכטע, אַזוווי אָפּוועזנדע בליקן; נאָר די ליפּן — פאַרביסן; איז ער געגאַנגען, אַליין — א ווייטער, א פרעמדער, גאָרנישט געמערקט ארום זיך — מיט זיין צעוויגטן טראָט, אַזוווי א לייב אַזא מין, ווי א פּאַנטערע; איינגאַנצן א פּאַרטוענער אינעם יאָגד, א קאַמפּס־לוסטיקער און א פּלאַטערנדער; איז ער זיך געגאַנגען אין פאָרויס אַלץ, נעענטער אַלץ צו זיין ציל. ביז, ער איז צוגעקומען צו זיין אינסטרומענט, דער פּיאַנאָ; האָט זי שוין געוואַרט אף אים, א געהאָרכ־זאַמע, און, א פּאַרטייעטע, געשוויגן. און, ווען ער האָט געלאָזן פאַלן אף איר זיינע הענט; האָט מען געמאָגט שווערן, וויאַזוי זי האָט אויפגעצאַפּלט פון זיין ערשטן באַריר; און זיך־געגנומען וויקלען פאַר אים, זיך־שפּרייטן; שטרעקן איר אונטערטעניק, אָבער אויפגעוואַכט לייב אנטקעגן... ער האָט אָפּגעוואַרט. ארום איז געווען שטיל, און ער איז געווען אַליין, דאַרומער —

אזא שרעקלעכע אינטימיטעט. ער האָט איר באַטראַכט בייז, פינצטער; אזוי באַטראַכט מען א שונא — אַן אַלטן שונא. מיך וועסטו נישט נאַרן. מיט דיר איז אייביקער קאַמף, אַף טויט און לעבן. אָדער, איך — ד י ך; אַנישט, איז פאַרביי... ווייל, איך האָס דיך. דעם טויט — אזוי ווייט און פרעמד ביזטו צו מיר; איך ליב דיך דאָס לעבן — אזוי אייגן קומסטו מיר פאַר. ביזט פאַלש און פאַרעטעריש, און זיס. דו שפּילסט דיין קאָן פאַר יעדן, ווי נאָר מע קערט זיך אַוועק, מע לאָזט דיך אַליין. אָ, ווי גוט איך קען דיך... נאָר, קיינמאָל דערקען איך דיך נישט, אַז דו זוכסט זיך אָפּעט, נאָך א צייט זיין פאַרשוואונדן; און דו שווייגסט אזוי רעטזעל־האַפט־פאַרפירעריש; כאָטש נעם, און וויל נישט וויסן מער פון דיין גע־ביין; וואו געווען, ווער דו ביזט; די אויגן שליס צו, כאָטש נעם און קום אום מיט דיר צוזאַמען... אָ, וועלט, ביזט א ווירדיקער פיינט; די ווערט דעם קאַמף מיט דיר. אַז איך דערשלאָג דיך שוין צום לעצט — לאָז איך נאָך פון מיין האַס; אַנישט, וועסטו אומקומען, וועל איך בלייבן אַליין; נישט זיין מיט וועמען צו פירן דעם געראַנגל; און אָן דיר איז דאָס לעבן נישט ווערט. מיך ציט צו דיר; אזוי האָסטו דערגרייכט מיט דיין גיפט מיך צו פאַרניכטן. נאָר איצט, ווען איך ראַנגל זיך מיט דיר, לעבן מיינס; אזוי ראַנגל איך מיר מיט זיך אַליין, מיט אייגענער שוואַכקייט. איך נעם צונויף די כוחות, און שטויס דיך אַוועק פון זיך, און רייס דיך אויס מיטן וואָרצל, פאַרשליידער ווייט אין דער פינצטער, איך זאָל נישט מער טרעפן דעם וועג אַהינצו, אַף צוריק צו דיר...

ער האָט געכוואַליעט און געשטורעמט איבער איר אויפגעכראַסטעט ליכט, וועלכעס ער האָט אזוי ווילד געליבט, ביז וואַנזין — דערלאַנגט מיט די שאַרף־פאַרשפּיצטע נעגל, וואו ער האָט נאָר געטראָפן; און... געגלעט עס, געצערטעלט איבער אירע אינטימסטע טיילן, אזוי ביז גרויל־אומקום. ער איז שוין נישט געווען מער בא זיך אין די הענט. אירע מאַוים־דיקע שטומע יללות האָבן אים פאַרשיכורט; משוגע געמאַכט פאַר צאָרן, פאַר צער און פּיין, ווייטיק און פאַרדרוס איבער זיך אַליין, וואָס ער איז נישט שטאַרק גענוג; ווען עס דערגייט שוין יאָ אזוי ווייט — איר טאָן א שטיק־צו צום גאַרגל, נישט אָפּלאָזן מער — דעם ענטפער אַהער

ג י ב! — ביז, עס וועט נישט קומען אמאָל פון אירע ליפּן דער ענטפער...

א מידער, אַן אויסגעלייִדיקטער, האָט ער זיך געלאָזן גיין צוריק אין דער טונקל, פונוואַנען ער איז פריער געהאַט אָנגעקומען. א ז ו י ק ע ר ט א ו ם פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט, פ ו ן ק א מ ף ד ע ר ז י נ ע ר.

דעם רבינס זון

פון מיין פריעסטער קינדהייט אָן, פון זינט איך געדענק זאכן; האָט דאָס שטעטל, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, כסדר געהאט צו טאָן מיט שׂרפות, גרעסערע און קלענערע. עס זאָל זיך האָבן געהאט אריינגענומען אַ מאַניע אין קאָפּ אריין, אַז עס מוז אוועק מיטן פייער. צווישן איין שׂרפה און דער אנדערער; בין איך מיר דערווייל געוואָקסן, צוגעקוקט זאכן, פאַר־געדענקט, נאָכגעדענקט. ביז, צו די זיבן יאָר. דאָן, טו איך מיר אַ זאָג, איינמאָל, במסיבת־חברים, אַז — עס וואָלט דען נישט גלייכער געוועזן, אנשטאָט צו לויפן ווי־ווייט אַף פרעמדע שׂרפות — איינצואָרדענען אַ שׂרפה באַ זיך אינדערהיים, ווי באַ לייטן, *אַז די וועלט זאָל קומען צו אונז*, אָנקוקן און צעפּלאַצט ווערן?

דער איינפאַל, ווי מע זעט, איז נישט געוועזן קיין שלעכטער; און, נאָך גרויסע מאַטערנישן, (ווייל איטלעכער האָט געצויגן צו זיך), האָב איך קוים געפּועלט, אַז דער אָנהויב זאָל געמאַכט ווערן באַ אונז — מכּמה־טעמים; און אַלע זאָלן צוטרעטן צו אַרבעטן פאַר דער זאַך ענערגיש, אָבער בסוד־סודות.

חברים האָבן געטריי אויסגעפּילט דאָס פאַרשפּראָכענע, און מע האָט צונויפגעבראַכט און באַהאַלטן באַ אונז אַלע מיני ברען־זאַכן: פּעקלעך שוועבעלעך; ביינערנע הענטלעך, אין־געהיים־אַרונטערגעדרייטע פון שטור־ביקע פּאַראַסאָלן; און פישביינערנע שנעל־פּלאַקערנדע קאָפּ־קעמעלעך, אַ־וועקגעלאַטכענטע פון דער מאַמעס, צי שוועסטערנס טואַלעטקעס. דערנאָך, האָט מען געקויפט אַ בינטל שטרוי, עס אָנגעלאָדן מיט אַלעם גרייטן, און אַליין זיך גענומען ריכטן אַף דער שעת־הכושר. עמיצער האָט אריינגע־

וואָרפן אַ וואָרט, אַז — ווי וועט עס זיין אַ שרפה אָן אַ פּאָזשאַרנער טרוֹ־בע?! — פריער צי שפּעטער — זי האָט געמוזט באַשאַפן ווערן.

אין אַ הייסן זומער־באַטאָג. קיינס פונעם הויזגעזונט איז נישט געוועזן אינדערהיים. האָב איך אַפּערבאַקומען פונעם באַהעלטעניש אַרויס דאָס אָנגעפּאַקטע בינטל שטרוי, עס צוגעטראָגן צו דער טיר פון פאָדער־הויז, עס אָנגעצונדן. עס האָט זיך שנעל צעפלאַקערט; געגומען טראַסקען און קנאַקן — אַ חיות. דאָס שטיבל, אין וועלכן מיר האָבן געוואוינט, איז געווען אַ הילצערנס; שוין אַן אַלטס; און איצט, אום זומער, אויסגעטרוקנט און אינגאַנצן צעלעכצט. מע האָט געזען בחוש, וויאַזוי עס גייט אוים נאָך אַ לעק פייער, אַ פונק, איז עס גרייט די נשמה אָפּצוגיבן. איטלעכן זאָל געטאָן ווערן זיין רעכט אויף דער ערד! —

און עס איז געווען, אַז מיינע חברים צו דער אַרבעט, די שותפים־לדיעה ביז־אַצינד. האָבן דערזען דאָס גרויסע פייער אויפקומען, — אַ נחת פאַרן אויג! — זענען זיי געבליבן אָפּהענטיק פאַראַמאָל; האָבן זיי זיך פלוצטהאַלבן איבערגעשראָקן, געגומען צעשאַרן, צעקריכן, צעלויפן אין אַלע זייטן מיט אַזאַ אימפּעט — אַזוי לויפן זיי נאָך... איך איינער, בין געבליבן אָפן פּלאַץ; אַליין, מיטן גרויסן געגאַרטן, אויסגעחלומטן פייער; און צוגעקוקט, שוין אָן פרייד, נייערט — מיט שווערן ערנסט, וויאַזוי עס גייט אויף, עס שפּרייט זיך, עס וואַקסט, עס נעמט ערשט שטייגן אַרויף, נאָר העכער, אַלץ העכער... איך האָב דאָך געדענקט אַלע שרפות אין שטעטל פון ביז־אַצינד. נאָר, ווי קומען זיי צו מיין פייער? זיי מעגן זיך פאַרבאַהאַלטן פאַר דעם, ווייל מע וועט זיך נישט אומקוקן אויף זיי. מיין פייער, אַז עס נעמט וואַקסן אַזוי שטאָלץ אין דער הויך, אין דער ברייט, אַזוי טוט עס פאַרצערן זיי, אַלע פייערן, און אַליין דערהויבט זיך עס צו די הימלען, אַזוי ערנסט, ווי איך אַליין בין.

איך בין דאָן אַרויס פונעם הויף אָפן שאָסיי, אַפּערגעצויגן די טרובע, געגומען שפּילן מיטן גאַנצן האַרצן, אויסשפּילן מיין ליד צו דער וועלט, צונויפרופן אַ וועלט מיט מענטשן, זיי זאָלן מיך באַוואונדערן. קומט קוקן, און ווערט נתפעל...

זיך־אָנגעהויבן צונויפלויפן פון אַלע עקן, נאָך בין איך נישט אוועק פון דאָרט, פאַרבליבן אַף מיין פּלאַץ, אַף מיין אָרט; פונוואַנעט איך האָב אַלץ צוגעזען אַזוי קלאָר, ברייט. איך האָב געקוקט צו די מענטשן ארום. דער זעלבער ערנסט, אַ ודאי, געווען אין מיין בליק. וואָס האָב איך דערזען? — נעבעכדיקע, צעשראָקענע פּנימער, הילפלאָזע, פאַר־לוירענע. אַט דאָס איז די וועלט מיט מענטשן? און צו זיי האָב איך גע־רופן, באַוואונדערן מיין טאַט?! — מיטיינמאָל האָט זיך פון מיר אָפּגע־טאָן די שכינה, דער עקסטאַז, די גראַנדיעזע וויזיע. איך האָב מיך דער־שפּירט פּאַראַמאָל; נאָענט צו זיי; עלנט און קליין, אַזוי שוואַך און אומ־באַהאָלפן... עפּעס איינער, אַ נישטיקער, ווילדער אינגאַטש, וואָס וואַקסט אַ רוח, וואָס צינדט דאָס שטעטל, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אַף אונזער לעבן, וואָס וויל אונז אומברענגען; און מע דאַרף אים אויסרייסן... מיטיינ־מאָל, בין איך זיי געוואָרן אַזוי גרויס אין די אויגן, אַזוי וואַזשנע, שרעק־לעך־גרויזאַם. זייערע שנאה־בליקן האָבן מיך געדראָעט; זיי אַליין האָבן זיך געריסן צו מיר; און איך, אַן אויסגעלאָשענער און דערשלאָגן, בין גע־ווען געצוואונגען זוכן אַ רעטונג.

איך האָב זיי געלאָזן אַליין מיט מיין פייער, און זיי האָבן זיך גע־ספּראַוועט דערמיט — איינס־און־צוויי. ווען מענטשן פאַרלייגן זיך; וואו זיי פאַלן אריין אין שרעק; אַז זיי ווערן קליין און געפאַלן; אַזוי קומט זיי נישט אָן שווער צו פאַרטיליקן דאָס גרעסטע הייליקע פייער; פייערן גע־צונדענע פון קינדער; פייערן פון גרויסע; פייערן פון באַטאָג, פייערן פון באַנאַכט — אַלץ איינס! — מיר, מענטשן, דאַרפן נישט מער קיין פייער. דאָס איז די עובדא פון יחידים; זיי ברענען אַ וועלט. און זיי האָבן די טבע — אונז, פּשוטע מענטשן, צו טעראָריזירן. אָבער, מיר זענען מיד פון טעראָר. גענוג.

* * *

אַנטלויפנדיק פאַר די מענטשן, בין איך אריין אין אַ הויפל אין־שכנות מיט אונזערן. און, עס וואָלט געווען, ווען מיין אוואַנטורע געלינגט, און מיין פייער לאָזט זיך גיין איבער די הייזער; וואָלט יענע הויפל מיטן שטיבל

געווען ד אָ ס ע ר ש ט ע אפן פייער. אָבער, בשעת הדחק, ווער האָט אינזינען צו בארעכענען דאָס אַלץ? — פונקט ווי די שטיבלעך; ווי מע האָט אָקאָרשט געזען; זענען געווען געקניפּט און געבונדן צווישן זיך, — אזוי האָט זיך עס געמאַכט מיט די באַוואוינער. יענץ שטיבל האָט גע־הערט צו מיין פּאָטערס מלמד, אַ איד אין די יאָרן, אַ ישיש, וואָס האָט אויפגעשטעלט אין שמידאָוויץ אַ דור אַ גאַנצן לומדים מופלגים. ער איז געווען געאַכפּערט און געשעצט בא אַלעמען — דער רבי פונעם שטעטל.

איז באַשערט געווען, אַ צרה, אַ גרויס אומגליק זאָל טרעפן דעם אַלטן רבין. זיינער אַ זון; אַזוי האָט מען איבערגעגיבן מפּה־לפּה; איז — נ י ש ט, וואָס יצא לתרבות רעה, חלילה — אזוי ווייט, לא־עלינו, האַלט עס נאָך נישט מיט אים; פּאָרט — מזרעא דאבא. נאָר, אַז ער איז י אָ ־ אַנגערירט, האָט מען געשמועסט; ערנסט נפגם־געוואָרן, רחמנא־ליצלן; און — ער איז זקוק לרחמים גדולים.

מע האָט געקוקט מיט רחמנות אפן אַלטן רבין אינעם קלויז; צו זיין „שטאָט", וואו ער איז געשטאַנען, אַ שווייגער; אריינגעפאַלן אין מרה־שחורה, אין עצבות, געהאַט בלבול־המוחין. טאַטע אין הימעל, פאַרוואָס קומט עס מיר? מיין מענדל, אייגן בלוט־און־פלייש, ס'איינציקע שטיקל קינד; גוואַלד, פאַרוואָס?! — האָט געוויינט אין זיין ווינקל דער אַלטער רבי, מהרהר־געווען, געהאַט תרעומות. אַלץ איז געווען אומזיסט. אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי. זיין בחור, מענדל, האָט גענומען פעלן צום שיעור, אַלע טאָג, אינעם קלויז; צום דאַווענען בצבור. ער האָט זיך מתיר־געווען, אזוי — איינמאָל, אַ צווייטס. דורכגעלאָזן איין טאָג, אַן אַנדערן, אינגאַנצן נישט געקומען. ער פלעגט זיך אריינכאַפּן, אַ דאַוון־טאָן בחפזון, אַ פולן מויל ווערטער, אָן טעם, אָן ריח; באַלד איז ער נישט געוואָרן.

ער איז נישט געווען קיין יחיד אין דער זאַך. אַ צייט אַזאַ געוואָרן דאַן. פּלוצטהאַלבן, אַזוי ווי מע האָט זיך נישט געריכט, פונוואַנען עס גייט דער שטורעם; האָט זיך גענומען ברעכן אַלטע בנינים אינעם שטעטל; מע האָט געמיינט, חלילה — אַלץ קומט אום. אַלטע לייט זענען געבליבן צע־טומלט; זיך־ארומגעקוקט עלנט, ווי אַ פ ן ס ו ף פ ו ן ד ע ר וו ע ל ט. עס האָט זיך די יוגנט צעבונטעוועט, נישט געוואָלט גיין מער

אין שפּאַן, מיטיינמאָל ארויס — נענוּע! — מע איז געלאָפן פון די קלויזן, קינדער פון די חדרים. מע איז געלאָפן איבער די גאסן, מע איז געלאָפן אהין, מע איז געלאָפן אהער; וואוהין איינער האָט אָנגעוויזן, אהינצואוועגס איז מען געלאָפן. ציוניזם; סאָציאַליזם. אנדרלמוסיא באה לעולם, א צעמי־שעניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן שטעטל. מע איז זיך געלאָפן ראַטעווען, ווי ווייט מע האָט געקענט. נו, ווּעמען ווּעסטו איינרעדן, אַז דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט?

מענדל דעם רבינס, אַזוי האָט זיך באַלד ארויסגעוויזן, איז נישט גע־ווען פון די, וואָס לויפן מיטן שטראָם בלינד, שווימען אין דער פלאַך, לאָזן זיך טראָגן. ער איז גלייך אַוועק ווייט פאַרויס; אהינצו, וואו עס דערגייט נישט מער דער גאסן־זשום; געלאָזן אים העט ווייט אהינטער־זיך; און דאָ, אַף זיין אָרט, איז ער געבליבן מיט יחידים, אַזוינע ווי ער; געציילטע גע־וואַגטע שווימער, ערנסטע און פאַרצווייפלטע, ווי ער. אויב גרינטעווען אין דער טיף, איז — ביז צום דנאָ. נאָר — נישט בלייבן שטעקן ערגעץ אינדערמיט, אַ בלאָטע־אַ זומפּ, זיך־אויסוואַזיען ווי אַ דבר־אחר, פילדערן, ליאַרעמען; מיינען, מע מאַכט גליקלעך אַ וועלט. אויב מע האָט געבראָכן דאָס אַלטע שטעטל; צעבראָכן אַלטע טאַטע־מאַמעס הערצער, אַזוי־ווי די לוחות־הברית; זיי, פאַר דער צייט, פון דער וועלט געבראַכט, — וויל ער, מענדל־דעם־רבינס און די זייניקע, דאָס גלייבן זיינס, וויסן — פאַרוואָס. וויל ער, פּראָסט־פּשוט, וויסן — מה למעלה, ומה למטה. איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל, זיך אַראָפּלאָזן אין דער טיפסטער טיף, ווי זיך־דערהויבן צו די הויכן — אַזוי מוז ער דערגיין, וואָס טוט זיך דאָ עפּעס אַרום דיר — ע ס א י ז ה פ ק ר א ו ו ע ל ט, צ י ג י י ן? — און, אַז איר ווילט טאַקע וויסן ריכטיק, ווי די זאַך זעט אויס; וועט ער אייך זאָגן, מענדל־דעם־רבינס, אַז — ער איז גאָרנישט מורד אינעם טאַטנס דרכים, חלילה; אַזוי, קיינס נישט פון זיין גלייכן. נישט מער, וואָס — הרבה פנים לאמת; עס איז פאַראַן אַסאַך געשטאַלטן צום אמת. ער איז פושט צורה ולובש צורה; ער פאַרשטעלט זיך, לויט דער צייט און נאָכן אָרט. אָבער, ער לויכט ארויס פון אומעטום מיט זיין הייליקן ליכט. ער רופט ממעמקים; פון דער טיף פון אַלע אָפּגרונטן; פון אַלע צעוויייטיקטע מענטשלעכע הערצער; פון דער

פארשוואָלענער פיין באַ אַלע אומות. ער רופט צו דער פריי; און, ווער עס האָט אויערן, יענער הערט; ווי ער רופט צו דער פרייד, צו דערבאַרעמונג און מיטלייד מיט אַלע עלנטע און אומגליקלעכע. וואָס וויל ער דען, מענדל־דעם־רבינס, איינגאַנצן? — ער זוכט אַ היים פאַרן אמת. ותהי האמת נעדרת; האָט געזאָגט ר' נחמן בראַצלאַווער, אַז דער אמת גייט אום איבער דער וועלט, ווי אַ טשערעדע (מלשון עדר), ווערט געטריבן פון אָרט צו אָרט, האָט נישט קיין מקום־מנוחה; און ער, מענדל, האָט זיך פירגענומען, צוזאַמען מיט זיין חברותא: — גענוג נע־ונד געווען ביז אַצינד. און דעם אמת ווידער באַזעצן אין זיין ווירדיקן פּאַלאַץ, אינעם מענטשנס האַרץ!... ער, מענדל, געדענקט נאָך גוט; אַזוי איז עס אים פאַרבליבן פאַרקריצט אין זיכרון, זינט דאַן; וויאַזוי דער טאַטע, עליו־השלום, האָט אים דערציילט פון ר' מענדל קאָצקער. ער פלעגט זאָגן: יערוף כמטר לקחי; עס טריפט ווי אַ רעגן מיין בלוט, אַז איך לערן עפּעס דער וועלט. תזל כטל אמרתי; עס רינט, ווי די ראָסע, טראָפּנווייז פון מיר דאָס בלוט פון האַרצן — מיט יעדן זאָג, איטלעך וואָרט, איך רעד אַרויס צו מענטשן. ווער בין איך דאָס, צו לערנען אַ וועלט דרך־ארץ? און וואָס בין איך דען אַליין, אַ שטייגער, וואָס איך האָב מיך אַזוי צערעדט צו מענטשן?... ער, מענדל, און די זייניקע, זיי האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט פון זיך אַליין; גאַרנישט אויסן געווען אייגענע לוסט און פרייד, געברענט טעג מיט נעכט אין דער טונקל, אונטער דער ערד, לעבנס גאַנצע פאַרשרפעט, מיין לעבן, דיינס — אַלציינס. זאָל דאָס ברענען, ברודער; אַן אָנצינדעניש זאָל קומען אויף מיר, אויף דיר, אַ בראַנד — און ליכטיק זאָל ווערן, זאָל שוין אַזוי זיין! —

1897. שטורעם־און־דראַנג. „בונד" פון פוילן, ליטע, רייסן. אין געזאַלצענעם ים פון מענטשלעכע טרערן. — אויטאָעמאַניציפּאַציע. אידנשטאַט. באַזעלער פּראָגראַם...

1905. גרויסע רוסישע רעוואָלוציע. שווערע נאָכווייען. פּראָגראָמען...

עס לאָזט נאָך דער רויש פונעם בלוט; דער יוגנט־שוים. יאָרן פון באַדאַכטונג, אויסניכטערונג, דערוואַכונג. נאָך שטייען אומדערשיטערט דעם טאַטנס געטער; נאָכן אָפּפאַל פון מבול, אויסגעשווענקטע און אָפּגע־

בליאקעוועטע; אלטע איינגעגעסענע געשטאלטן, אריינגעזויגענע אין דיין בלוט. ווי געשפענסטער, זיי שרעקן און ציען דיך צו אינגאנצן, פאראמאל. כאטש זיי שווייגן, מיידן רעכט אויס צו גיבן אן ענטפער — אז דיין בלוט צעצינדט זיך דאך; און דו פרעגסט, און דו מאנסט ר ע כ ט פ א ר ד ע ר ע ל נ ט ע ר וו ע ל ט. זאל איך אליין אומקומען; אזוי שלאגסטו דיין אומגליקלעכן קאפ אן הארטן שטיין־גאט; צעשמעטערט ווערן, אויסגעראטן און פארלענדט. א ב ע ר, ד י א ר ע מ ע וו ע ל ט, וו א ס א י ז ז י ש ו ל ד י ק?!...

אזוי קערן אום מידע קינדער פ ו ן ד ע ר ג ר ו י ס ע ר ב ר יי־ ט ע ר וו ע ל ט, נאך א פארשפילטער זאך, צו זיך אהיים; צוגעשלא־ גענע צו א ברעג. עס קומט זיי פאר קליין די היים. נאך אזויפיל־אנגעזעענעם א י ן ד ע ר ג ר ו י ס ע ר וו ע ל ט — אזוי קינדיש־קליין, אבער — ליב און זיס צום אפרו. און מע דארף נישט מער, ווי דעם אפרו. שפע־ טער, וועט מען זען.

* * *

מענדל דעם רבינס, ער איז אלץ געבליבן דער שיינער ליכטיקער קאפ אינעם שטעטל; הגם ער האט זיך צוריקגעצויגן פון די פריערדיקע האסטן; ארויסגעפאלן פון די באוועגונגען, אזויווי געבליבן מן־הצד. יענע גרויסע באוועגונגען האבן איבערגעטראגן זייער האסט־פעריאד, דעם מבול, און זיי זענען נישט פארשוואונדן מער פונעם לעבן. אריין אין דער קארעטע; אוועק מיטן געוויינלעכן אינטענסיוון טאג־טעגלעכן שטראם. ער, מענדל א פנים, איז דערצו נישט געוואוינט געווען. ער איז געווען אזוי, און ער איז שוין פארבליבן — א קיצוני, אן עקסטרעמער; אדער — אינגאנצן, אנישט — דארף מען נישט.

אמאל; אז גארנישט פאסירט; גיט מען זיך אליין נישט אפ קיין רע־ כענונג דערפון, וואוהין איינער גייט. נאך האט ער געגאלטן, מענדל, אי־ נעם שטעטל, ווי דער שענצטער אחד־העם־קענער. ער איז געווען באלעזן אין דער ליטעראטור פון דער וועלט; באהערשט שפראכן; געווען אן

אריינגייער אין נגידישע הייזער, צו יונגע זין־און־טעכטער, שטודירנדע יוגנט, וועלכע האָט געהאַלטן פון אים א וועלט.

אמאָל, אין א שבת־אינדערפרי; האָט מען צוריק פארבלאָנדזשעט אין טאַטנס קלויז; ער, נאָך יונגע חברים. מע האָט זיך, תחילת, באַטראַכט מיט חידוש, וואָס מע טרעפט זיך דאָ, פונקט ווי אָפּגערעדט... זשום, טומל פון גאַסן, פון רייד, — נאָך האָט דאָס געפּרוּווט שטעלן זיך דאָ אנטקעגן, זיך־ווערן; און, נישט געקאָנט, געמוזט אָפּטרעטן, נישט ווערן. אויפגעקור־מען איז דאָ דעם טאַטנס ניגון, א ברעם, א קנייטש. נאָך איז דאָ, אין קלויז, אַלץ ווי געווען. טאַקע נישט געענדערט, מיט אַן אמת? קאָן מען זאָגן... עפּעס פעלט דאָך. נישט דאָס, וואָס געווען פריער... דער טאַטע א ל יי ן פעלט אף זיין „שטאָט"; זי פּוסטעוועט, א פאַרשעמונג; פונקט, ווי ס'וואָלט נישט געבליבן קיין געדעכעניש... און אָט, אז דו טוסט א קוק אהינצו, זעסטו; ווי דער טאַטע שטייט, א בייזער, אַן עלנטער, פאַרוואָגלט פון ביידע וועלטן; און דו בלייבסט אָן לשון.

—...געסט אין קלויז. זיך־פאַרבענקט, א פּנים, נאָכן אמאָליקן. אָנ־געוואָיעוועט; איצט קומט מען צוגיין... יעמוד החתן ר' מענדל בר' וואָל־וויש מפטיר...

דאַן גייט מען אונטער, בדחילו ורחימו, צום בעלעמער; און, בעת דער בעל־קורא פאַרקאַטשעט זיך גאָר אפן גרויסן שטייגער, ווי אַן אונטער־געשפּאָרעטער, באַם באַקומען דער, — דוכט־זיך־אויס, (און דאָס האַרץ, דערפילט מען, קלאַפּט פון גליק, נאָך אַזויפיל יאָרן עלנט און פּיין) — ווי עס האָט אויפגעשיינט אַן דאַרטן, איבערן טאַטנס שטענדער, די זון... טאַ־טע, זיי נישט ברוגז. זעסט דאָך, דיין קינד...

אז עס האָט פּאַסירט מיט מענדלען דאָס גרויסע אומגליק, א קינד, דאָס איינציקע, איז באַ אים איינגעפאַלן, — איז ער, א שטיק צייט, אומ־געלאָפן, ווי צעדולט, נישט געקאָנט קומען צו זיך. עס האָט אים געבראָכן פונעם מעמד אינגאַנצן; ביז ער האָט דערלעבט צו זעען דעם קינדס א שמייכל. ער איז גרוי געוואָרן פאַר דער צייט; נישט געווען אים צו דער־קענען... איינמאָל, ווען ער האָט א קוק־געטאָן פאַר זיך אין שפּיגל, האָט ער בפירוש דערזעען פאַר די אויגן דעם טאַטן, געקנייטשט, אָפּגעמאַטערט,

פאַרצאָרנט... אַ בייזע מערכה. פאַרפאַלן. און ער האָט די פאַרלאָזטע באָרד, בעתן קינדס מחלה, נישט דערוועגט אָנצורירן.

אַזוי זאָל עס גיין. אַבי מע האָט געזאָגט, אַז מענדל דעם רבינס האָט מורד־געווען אין טאַטנס דרכים, אַז ער איז אַוועק.

*　　*　　*

עס איז געווען מיט אַ צייט שפּעטער. איך אַליין, אַ יונגער און אַ שטאַרקער, אָן אומרואיקער, האָב מיך ערשט געריכט אַרויס אַף דער ברייטער פרייער וועלט, באַגערט, נאָכגעזוכט; געהאַלטן ערשט באַם אָנהויב פונעם ראָד; בעת מענדל איז שוין געווען אַ יצא וחזר. עס האָט מיך געפּאַקט ערגעץ אַף אַ זייטיקן וועג. איינעם אַ באַנאַכט. מיד פון בלאָנדזשען, אָן עלנטער, בין איך צוגעפאַלן צו אַ בלינדער וואַנט און ביטער געוויינט אַף מיינע יונגע יאָרן, וואָס גייען פאַרלוירן אַף פּוסטע פעלדער. נישט געוואוסט אַף קלאָר, וואָס מיר פעלט, צו וואָס איך שטרעב, וואוהין איך גיי. עס איז מיר ענג; איך ווער דערשטיקט; און דאָ בין איך איינער אַליין.

אַ מאָמענט פון שוואַכקייט, פון אַנטשפּאַנונג. נאָך אים מוז קומען די אויסלייטערונג; די באַנייונג; דער שאַרף־אָנגעצייכנטער ציל.

— ...לייבל שקראָפּיל... וועסט צוריקקערן... צום טאַטן... צו זיך... אַזויווי איך, ווי אַנדערע... גלויב מיר, נישטאָ וואוהין אַוועקצוגיין... פון זיך אַליין, קינד, וועסטו נישט אַנטלויפן... און עס לוינט נישט... קער שוין אום צוריק...

מיין געוויין האָט זיך פאַרשטאַרקט; איז געוואָרן אומנאַטירלעך. עס האָט מיך געוואָרפן ביז אַראָפּ.

— ...מענדל, וואָס ווילסטו פון מיין לעבן האָבן? איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג. קאָן מיך צו דיר נישט גלייכן. האָב נאָך רעכט נישט געלעבט; די וועלט פאַר די אויגן נישט געזען. לאָז מיך אָפּ־ריער...

—...לייבל, הער מיך. די וועלט וויל דיך נישט קענען. איז שטום און טויב צו דיין וואָרט, געשריי. ווייז אַרויס דיין ווערדע. זיי ערלעך צו זיך, לייבל. קער צוריק.

—...וואוהין זאָל איך גיין, מענדל; אָ, זאָג, וואוהין רופסטו מיך?

—...אַהיים, לייבל; צו דיין אייגענער גרויסער וועלט. האַנט־באַ־האַנט מיט זייער וועלט, שטייט דיין אייגענע וועלט, ווי אין אַנטפּלעקונג, אַ פאַרבענקטע, וואַרט אַף דיר, דו זאָלסט זי קומען בויען... די וועלט פון דיין געזאַנג, וואָס גייט אויף אין דיין ניגון, דעם טאַטנס... דיין איינציקע גרויסע וועלט, דיין אילוזיע, דיין ליד...

—...אָ, ניין, מענדל, איך קאָן נישט מער. הער אויף. מיין לעבן גע־הערט נישט מיר אַליין, דו ווייסט עס. איך און מיין ליד, מיר באַלאַנגען אַלע דער אייגענער גאַנץ־גרויסער וועלט, אין פייער און אין פּיין, אין לייד און אין דערלייזונג. דו ווייסט עס גוט, מענדל. אָ, רעד נישט מער.

—...דו וועסט צוריקקערן, צוריקקערן, צוריקקערן....

—...אָ, ניין. איך גלויב נישט.

זיין קול האָט זיך דערווייטערט, אָפּגעקומען. אַז איך האָב דערוואַכט, איז געווען אוים מיט אים. איבער מיין קאָפּ, אָפּן לויטערן הימל, האָט איידל געשטעלט טריט, ווי אַ גילדערנע פּאַווע, די אינהאַרצן־איינגעבאַקענע לבנה, אויסגעשפּילט דעם ניגון פון שטילקייט, לייטזעליקייט. די וועלט איז אַ גרויסע אידיליע, מענטש.

מע קאָן שוין אוועקגיין אין פעלד.
עס ציט שוין דער מרחב־אין־סוף.
איך ליב שוין דיך ווידער, מיין וועלט.
איך ליב דיך שוין ווידער און האָף.

נישטאָ וואו אהינצוטאָן די כוחות

נאָך פון קינדווייז־אָן, פון די חדר־יאָרן איז מיר נאָכגעגאַנגען אַ אינגל, אַ חבר אַ גבר. אַ פּנים, עלטער פון מיר געווען מיט אַ יאָר־צוויי; אָבער, מיר האָבן זיך געגלייכט.

איך ווייס נישט — פאַרוואָס; נאָר איצט, אַז איך גיי אַרויסברענגען יענעם חבר פאַרן טאָג־ליכט, און עס קאָן באַלד הייסן — אים אַרויספירן פאַר דער וועלט, — פייניקט מיך עפּעס; זאָל דאָס זיין — דער געוויסן... נאָר, עס גלויבט זיך מיר אַליין נישט. ווייל, עפּעס האָב איך דאָס געפיל, אַז איך בין געוויסנלאָז; אין אַלגעמיין — אַ געמיינער יונגאַטש; וואָס פּלאָנטערט זיך אימער יעדן צווישן די פיס; האַלט זיך פאַר קליגער פון דער גאַנצער וועלט; כיטרעוועט אי־בער איטלעכנס געהייליקטע תמימות; שפּאַרט די נאָז דאָרט, וואו מע דאַרף נישט; שנאָרכט עפּעס אויס, און — גלייך אַרויס מיט דעם פאַר־ער וועלט... אָט דאָס גאַנצע אויסשרייען מיינס קומט מיר פאָר אַזאַ געמיינע זאַך. ווייל, נאַקעט גערעדט, מיט וואָס פאַר אַ רעכט נעם איך דאָס און שטער די הייליקע אומבארירלעכע רו פון מענטשן, וואָס דאָס לעבן האָט זיי אָנגעשפּאָלטן און אָוועקגעשליידערט אין שאָטן, וואו זיי ליידן מיט שטומע פאַרפּרעסטע ליפּן; און קיינעם וועט קיינמאָל נישט גע־לינגען אַרויסצובאַקומען באַ זיי זייער פאַרשוואָלענעם סוד — ניין! — טראָגט עס מיך אָן, ווי אַ רוח; און איך שקראָבע אויס באַ איטלעכן, אָן־רחמנות, זיין גאַל; און ראָיע מיך, ווי אַ ווילדער, אין וועלטס אינגעוויד, אין יענעמס אינטימסטע ווינקעלעך פון זיין לייב און זעלע; פון זיין קדשי־קדשים טראָג איך אַרויס, מיט אַזאַ פרעכן ציניזם,

אכזריותדיקער אומפארשעמטקייט — יענעמס פונטעלע פלייש צו פאר־קויפן אפן מארק, א בלוט־צאפלדיקס; זאל עס זיין פאר דעם, וואס גיט מער....

וואס־זשע איז דאס פאר א מין, האָ? פארוואס־דען טו איך דאס, און ווער שטויסט מיך דערצו?... מע זאל זאגן, אז איך קויף מיך איין אין ליבע דערפאר — איז דאך נישט שייך. די וועלט צאלט דערפאר אפ מיט גערעכטער פאראכטונג, מיט חרם, און — עס העלפט נישט... גלויבט, אז איך בין דא אומבאהאלפן — קענגיבער דער קראפט, דער גרויזאמער און אומבאקאנטער, וועלכע שלעפט מיך; וועלכע טרייבט מיך אין יאך; וועל־כע שטויסט מיך דערצו; וועלכע צעברעכט מיר מיין אייגן לעבן זיבן מאל דורכן טאג; און וויל גארנישט וויסן פון מיין פיין, פון מיין זארג, פון מיין עלנט; פון מיין בענקשאפט נאך פשוטער מענטשלעכער פרייד, נאך פשוטע מענטשלעכע ליידן, אזוי ווי דו, חבר פון דער יוגנט; אזוי ווי אלע אנדערע פון דיין גלייכן, פון אונזער גלייכן, אין דער וועלט. עס לעבט דאך איטלעכער זיין טראגעדיע, וועלכע איז, מערער צי ווייניקער, גלייך אפן צוויי טנס, אפן דריטנס לעבן — וויל איך זיין איינער פון די גליקלעכע; האבן מיין ענלעכע טראגעדיע, ווערן געפייניגט, אזויווי אנדערע; און, ווי זיי, ווערן צוזאמענגעבראכן, אריינגעשליידערט אין שאטן, א, אין גרויסן הייליקן אנאנים, אין דער זודיקער מענטשן־מאסע; און אפרוען דורות־לאנג מיין מידן מארך און הארץ אף לייד און פרייד, ווי בא איר; און ווייגען אזוי פרימיטיוו־גליקלעך, ווי זי; און, צולעצט, ווערן איינגעזונקען אינעם געזאלצענעם ים פון מענטשלעכע טרערן, פארשווינדן פונעם אויבערפלאך, אין געבענטשטער לייטזיניקער רו פון אויפהערן זיין, פון נישט ווערן.

כ'וואלט וועלן פארמישן זיך צווישן די געפאלנסטע, די פראסטע פונעם הארצן, די גרויעסטע אפן קאליר, די אזוי נישט־וואזשנע, נישט־אנזיכטיקע; וואס קיינער טשעפעט זיי נישט, נישט מע שטערט זיי, מע האט עפעס צו זיי; און לעבן ווי זיי, ליידן ווי זיי, שטארבן ווי זיי, ווען די געבענטשטע שעה זאל קומען. כ'וואלט וועלן, ווי א לעצטער בעטלער אן אבגעקראכענער, אזוי אוועק איבער דער וועלט, מיט א טארבע אפן אקסל, אהין, ווייט, ווייט פון דא, פון אומעטום; אהין, וואו מענטשן קענען מיך נישט; און,

איינמאָל אזוי, גייענדיק, טאָן א פאַל־אַנידער אין ערגעץ, איבער א וועג, צווישן הימל און ערד, ווייט פון א ישוב, אַזוי זיך — לעבן א גרובן, ליגן און שווער אָטעמען. פון דאָרטן וועט אפּערקריכן אַן עלנטער מאַכנאַטער הונט; ווער ווייסט, פונוואַנען ער האָט זיך דערנומען, אַזא עלנטע צווינג, ווי איך; אַזוי, נעמט ער זיך שאַרן צו מיר, שפּאַרן א לאַפּע, הוקען מיט זיין ווארעמען שנוק איבער מיין לייב — טאַקע, נו, אינדערמיטן, וואָס האָט ער צו מיר, אָדער איך צו אים?... כ'וואָלט וועלן שוין בלייבן אזוי, און קיינער זאָל נישט קומען, אז קיינער זאָל נישט שטערן מער מיין גע־הייליקטע רו, פאַר מיר מיט מיין חבר, אַף אונזער געלעגער, וואָס איז אונטערגעבעט מיט מיינע טרערן, אנדרימלט־ווערן, נישט־ווערן.

נאָר, איך קאָן נישט אזוי. אומזיסט די אילוזיע. אומעטום וועט מיך דערגרייכן יענע שווערע האַנט, אַריינטרייבן צוריק אין שפּאַן. גיי, זאָגט מען דיר, און טענה נישט. דיין גורל אזא — נישט ליידן, ווי געוויינלעך. געשפּייזט פון וועלטס פאַראַכטונג, פון איר האַס און קנאה, — גייסטו כסדר אַף דער זון, אַלעמען פאַרן אויג, און שרייסט אויס פאַר זיי זייערע ליידן; די פּיין פון זייער לעבן; אַליין לעבסטו נישט; ביזט נאָר נע־ונד, פאַרשאָלטן און געטריבן, ביז דו פאַלסט אזוי אין שפּאַן. טאָ, נעם זיך נישט איבער. אַסאַך אזוינע, ווי דו אין לעבן; צעזייט איבער דער גאָרער וועלט. דיין אָרט בלייבט נישט ליידיק. איינגעשפּאַנט זיך, די קאַרוזעלע דרייט ווייטער.

* * *

יענער חבר פון די קינדער־יאָרן האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעטיילט פון אנדערע, א חוץ מיט זיין גבורה; האָט ער זי אָבער נישט געהאַט, אַף וואָס אָנצוואַווענדן. לגבי אים, בין איך פאַרגעקומען א חלוש; הגם איך בין עס נישט געווען; און דאָס האָט שוין געפירט דערצו, וואָס איך האָב מיך געהאַלטן לעבן אים, זיך אָן־אים געטוליעט, געגאַנגען מיט אים שטענ־דיק — מחמת מער זיכערקייט־וועגן; אזוי האָט עס געהייסן.

יאָ. אָט דער חבר האָט מיר געדינט געטריי. און געגאַנגען זענען מיר,

ווי דער שטייגער איז בא אינגלעך, זייער אסאך; געגאנגען אהין, געגאנ־גען אהער, אויסערן שטעטל, אין אלע זייטן, געזוכט, גענישטערט דאָס אומבאקאַנטע און, צוגלייך, דאָס טיף־נאָענטע; מיט אלע אָפענע חושים צו די פיר עקן פון דער וועלט, און צו זיך אליין אין דער טיף; אזוי האָט אונז אומגעטראָגן, אין יענע ערשטע אומרואיקע אינגל־יאָרן; ווי דער גאנג פון אייז אין געוויסער, אין פרילינג; ווי דער גאנג פון פיש; אזוי האָבן מיר געשנאפט מיט די גערייצטע נאָז־פליגלען, מיט די אויפגעריסענע אויגן־לעכער, מיט חידוש און וואקלעניש באגלייך...
אומעטום האָט ער מיך אומגעפירט, דער חבר, אזא שווערער, אן ערנסטער, א ברייט־געזעצטער; אזוי שווער איז אים געווען צו פארטראָגן זיין משא, זיין כוח; און ער האָט געזוכט א מקום, וואו אים אָפצולאָדן; און וואָס פריער, איז גלייכער; אנישט, קאָן ער אמאָל זיך־אנטלויזן, וואו עס וועט זיך נאָר לאָזן, אזוי וועט ער נעמען פלעטן קעפ אף רעכטס און אף לינקס... לעבן אים, דעם ערנסטן און שווייגער, בין איך נאָכגעלאָפן, אזא זשוואַ־ווינקער, א כיטרענקער, א לייכטער אפן לאַך, אים ארייננגעקוקט אין די אויגן און, ווי א הינטל, זיך רק געקערט פאר אים, געפלאָנטערט פאר די פיס, גערדרייט מיטן עק, ווי נתפעל געוואָרן פון זיינע שטוקעס, און דער עיקר, ווי גערייצט אים צו עפעס אויסערגעוויינלעכס און אוואנטורים־טישעס. אזוי רייצט א קליינע שוואכע „זי" און חנדלט זיך פאר דעם שווערן בער, דעם „ער", און טרייבט אים אום אהין, אהער, ער זאָל זיך קיין אָרט נישט קאָנען געפינען, בעפאָר זי גיט זיך אָפּ, זי פאראט אים. איך, דער אויסוואורף, וואָס האָב זיך אָנגעלייגט אף יענעם ערלעכן יונג, האָב גוט געזען, וויאזוי איך רויב אים זיין רו, און ער פלייסט זיך פאר מיר, ער מוז מיר עפעס באווייזן, עפעס טאָן.

אז עס איז געקומען דער זומער, האָט ער מיך געפירט צום טייך לער־נען שווימען. דאָרט איז ער שוין יענצמאָלט געווען אן אייגענער מענטש, א באהעפטער צום וואסער; געשוואומען, אזוי ווי ער איז געגאנגען, ברייט און רואיק. איך האָב געצאפלט אינעם וואסער, אזוי ווי א נערוועז קעצל, אָנגעמאכט מער טומל, ווי עפעס; נאָר, עס האָט נישט אויסגעמאכט. איז ער אונטערגעקומען און צוגעלייגט א האנט, איז עס געגאנגען. מיך גע־

מאָגט אויף אים פאַרלאָזן דאָ אויך, אפֿן טייך, אַליין פאַרבלייבן רואיק.

איינמאָל באַטאָג, אַז מיר זענען צוגעקומען ביידע צום טייך זיך באָ־דן, ווי געוויינלעך; האָבן מיר געטראָפן אַ אינגל אין זיינע, דעם חברס, יאָרן, וואָס האָט זיך געפּאָרעט באַ אַ שיפל, געדאַרפט עס אָפּטשעפּען פון ברעג, אַריינשפּרינגען אין דעם, זיך אָוועקשיפן. צי עס איז געווען זיין אייגן שיפל, אָדער אַ געדונגענס אין ערגעץ — אַלציינס. מיין חבר איז צו־געגאַנגען צו אים, אים אויפגעפאָדערט, ער זאָל זיך ש ו י ן פאַרנעמען פון דאַנען...

יענער, אויך אַ קרעפּקער אפֿן אויסזען, האָט עס, אַ פּנים, אָנגע־נומען פאַר אַ שפּאַס. ער האָט געפּרואווט עפּעס אַ זאָג־טאָן. נאָר דער חבר; אודאי אַן אָנגעצונדענער; האָט אים פאַרשפּאַרט די מי. ער האָט אים דער־לאַנגט אזא שרעקלעכן פּלעם, אַז איך בין אַזש אונטערגעשפּרונגען אויף מיין אָרט, אין אַ זייט, פאַר גרויס פרייד. דאָס האָט מיין חבר צוגעגיבן דעך. ער האָט אַליץ געטאָן פאַר אויסנעמען באַ מיר. ערשט אַצינד האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף יענעם אָרעמען יאַט, אים גאָרנישט געלאָזט קומען צו זיך, איבערכאַפּן דעם אָטעם, אָפּדעכן, זיך־אַרומקוקן. ער האָט אים נישט געגיבן די געלעגנהייט דערצו; אים דערלאַנגט, וואו ער האָט נאָר געטראָפן... איך האָב גענומען איינזעען, וויאַזוי מיט יעדן דערלאַנגטן פּלעם; איצט, שוין נישט־אינזינען־האָבנדיק מיך אינגאַנצן; גייט אים אָפּ דאָס הארץ, מיין העלדישן חבר, עס ווערט אים אַליין לייכטער דאָרט אי־נעווייניק... צולעצט, האָט ער גענומען יענעם אויסטיילן פּעטש מיט אַזעל־כע ברייטע מאַיעסטעטיש־רואיקע זשעסטן, אַקוראַט ווי ער אַליין פּלעגט גיין, דער חבר, צי געשוואומען; און איך; אַ קינסטלערישע נאַטור, קענ־טיק — האָב דערפון באַזונדערס הנאה־געהאַט; ווי פון יעדן אומדירעקטן גענוס, וואָס פאַרווילט דאָס געמיט... בלויז י ע נ ע ר האָט דאָס אויפגענומען די זאַך גאַנץ־אַנדערש, אוממיטלבאַר — דער, וואָס האָט גע־קריגן די פּעטש... ביז, מיר האָבן אים פאַריאָגט. דער אינגל האָט געוויינט פאַר ווייטיק, און מערער נאָך — פאַר פאַרדרוס, פאַרוואָס קומט עס אים אַזוי? — נו, ווער זאָל אים ענטפערן דאַרויף?

— שיפן האָט זיך אים פאַרגלוסט... — האָט מיין חבר צוגעוואָרפן,

און ערנסטער, א לעצט־רעשט דער גאנצער זאך; און מיר זענען איינגע־שטיגן אין שיפל, זיך־אוועקגעלאָזט איבערן טייך — י ע נ ע ם, פונהער־ווייטנס, אפן אויג.

מיר האָבן זיך געשיפט צום צווייטן ברעג טייך, וועלכער איז אונז שטענדיק געבליבן פרעמד; גערייצט מיט זיין אומבאקאַנטער ברייט און ווייט, געלאָזן אומרואיק, געמאַכט קלאַפּן דאָס האַרץ. דאָרט האָט זיך אוועקגעצויגן א גרינער פאַסטאָווען, געמישט, אף זיין שטח, אָן־דאָרט, אין דער ווייט, מיט געדיכטע קוסטעס און העכערע יונגע ביימלעך. וואו־הין האָט דאָס געפירט? — א י ן א נ יי ע ר וו ע ל ט א ר יי ן; אַהינצו, אין ערגעץ, צום נייעם שטאָט־טייל, אף די זאמדן; וואוהין מיר, קינדער פון אלט־שמידאָוויץ, האָבן גאָרנישט געהאַט קיין צוטריט. אין די זומער־באַטאָגן, פון צווישן יענע קוסטעס, פלעגן אפּערקומען מיידלעך אַלערליי, לייכט געקליידעט, און פאַרהילכט דעם גאַנצן פאַסטאָווען מיט אַזויפיל לאַכן. זיי זענען געקומען זיך־באָדן, געלאָזן לויפן צום טייך מיט אַזאַ האַסט און פלאַטער, געבלענדט און געבלאַנקט אפן גרינעם בעט פו־נעם פאַסטאָווען מיט זייערע ראַש־קאָלירטע אויפגעבלאָזן־צעווינטיקטע קליידלעך, אָט זיך פונאַנדערגעשאָטן, ווידער זיך־אויפגעקומען אַלע איניי־נעם; ווי פלאַמען דיר אפן אויג, און גלייך אינעם האַרצן אריין.

איין באַטאָג, זענען מיר ביידע צוגעקומען צום טייך; זיך שוין גע־האַלטן אין אויסטאָן. פון יענער זייט, פונעם פאַסטאָווען איז אָנגעקומען א פרוי, זיך־געלאָזט גיין גלייך צום ברעג און, אז זי האָט אונז ביידן דער־זען, האָט זי זיך גאָרנישט קרעמפּירט, אַזוי־ווי אנדערע; נאָר גענומען אַרונטערוואַרפן פון זיך דאָס אָנטועכץ, אַריין אין וואַסער... א גויאישע פרוי. אָ, זי איז נישט געווען, אַזוי־ווי יענע יונגע רייצנדע מיידלעך פון שטענדיק. עפּעס שרעקלעך־העסלעך, אָפּגעוועלקט, עקלדיק־פּרעך, א פאַר־שוועכונג פאַרן טאָג, א באַליידיקונג, א טיפע שאַנדע. מיר האָט גענרווילט אינגאַנצן מיין לייב; געשפּירט, ווי די קישקעס אין בויך קערן זיך מיר אי־בער, נאָר צום ברעכן. מיין חבר איז געוואָרן טויט־בלייך אפן צורה. אפשר, האָט ער שוין איצט מיך אינגאַנצן נישט אינזינען־געהאַט; געגנוג מיט זיך אַליין צו טאָן. די הענט בא אים האָבן געציטערט, באַם אָנטאָן־זיך באַ־

גיים... אז מיר זענען שוין געווען גרייט, האָבן מיר אויפגעהויבן שווערע שטיקער בלאָטע באַם ברעג טייך, געוואָרפן אַף איר אינעם וואַסער. זי האָט זיך געשימפּט מיט טויטע קללות; אַ פרעך־נאַקעטע, אָן־בושה, געלאָפן ביז צום ברעג, אונז אָפּגעשפּריצט מיט וואַסער, געפּרוּווט פאַרטרייבן. מיר האָבן איר געוואָלט ארויסיאָגן פונעם וואַסער, וועלכעס האָט, ביז איצט, געוואַשן און געבריט אונזערע זויבערע אינגלשע לייבער; און דאָ — זי, איז געקומען, פאַבּרודיקט עס פאַר אונז אין די אויגן, ווי אומריין זי האָט איר אייגענעם גוף. עס האָט אונז געריסן באַם האַרצן, אַף דעם קוקנדיק; דער כעס אין אונז איז, וואָס אַ רגע, געשטיגן. מיר זענען נישט אָפּגעשטאַנען. אַרויס, כלב׳טע, פון אונזער טייך!... — מיר האָבן געריסן שטעקנס פון פאַרקענעם אַרום די גערטנער, לעם טייך, געבראָכן צווייגן פון בוימלעך און אַף איר געשליידערט; איר באַהאָגלט מיט שטיינדלעך און באַשאָטן מיט נאַסן ברעג־זאַמד, מיט קויט. מירן נישט צורו לאָזן, מירן דיך פאַריאָגן... און אַז זי איז, ענדלעך. אַ צערייצטע בעסטיע, אַן אָבשיילעכע ווי דער טויט, אַרויס צו אונז אַפּן ברעג, — האָבן מיר זיך גע־לאָזן לויפן מיטן געסל, וואָס האָט געפירט פונעם טייך צו די שטיבלעך, וואו מענטשן וואוינען; און זי, די עלנטע צויג — נאָך אונז.

* * *

שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר, אַז מיר זענען אונטערגעוואַקסן; האָב איך געגומען אַריינגיין אָפּט צו מיין חבר אין שטוב. זיי זענען געווען פאַרמעג־לעכע, און די שטוב — אַ ליבעראַלע. זיינע עלטערן האָבן נישט געוואוסט קיינמאָל; ווי מיינע אָרעמע טאַטע־מאַמע, אַ שטייגער; פון ענגשאַפט, פון אויסגעהאָרעוועטער חיונה, וואָס דאָס האָט זיי, די מייניקע, געלייגט אין דער ערד אַריין; געטריבן תמיד צו שווערע פיינלעכע עסקים מיט גאָט, וועלכער האָט זיך געשטאַלטיקט פאַר זיי אַזוי רעטזעלהאַפט, צאָרנדיק, אומהיימלעך; אימער — אַ ברוגזער, אַ שווערער, וואָס פאַרמאָגט נישט גאָר קיינמאָל קיין שמייכל פאַר אונזער אָרעמען הויז, און וועלכער הייסט זיך אָפּצאָלן אַ ז ו י פ י ל פאַר דער טובה, וואָס ער דערהאַלט אונז

באם לעבן; אקוראט, ווי מיר וואלטן געוועזן בא אים דאס ערגסטע, ווי דאס לעצטע צום דערהאלטן... מיין טאטן, בין איך זיכער, איז זיין גאט שטענדיק פארבליבן אפגעפרעמדט, הארט נישט איינצוקייען, נישט־פארשטענדלעך, נישט היימיש — אזוי, ווי מיין טאטע אליין איז געווארן. מיין מאמען האט דער זעלבער גאט קיינמאל קיין פרייל‏עכע מינע נישט באוויזן, נישט פארגונען; פונקט, ווי זי אליין האט זיך דאס קיינמאל מער נישט פארגונען. מיין טאטע־מאמעס גאט איז געווען א בייזער, א זיפצנדיקער, א פינצטערער און פארצארנטער, פארטאן אין זיך, אימער רק מיט זיך פארנומען; אזוי, אז ווען דו רעדסט אויס צו אים א ווארט, ווייסטו אליין נישט, צי הערט ער דיך אויס, צי האט ער צייט און געדולד פאר דיר, דעם קבצן, דעם שלימזל, וואס, אויסער פון צרות, ווייסטו נישט פון עפעס אנדערש אים קומען און פארדרייען א קאפ... און דיין בלוטנד ווארט, וואס דו האסט געזאלט ארויסברענגען און אויפאפפערן צו אים, בלייבט שטעקן אין דיין אייגן האריץ, ווי א קינזשאל, דערשטעכט דיך, דערקוילעט.

דערפאר האט מען געמאגט זען, וויאזוי דער זעלבער גאט האט זיך געענדערט אפן אויג בא מיין חברס טאטע־מאמע. ער האט אויפגעלעבט און, לעבן זיי, איז ער אינגער און פרייער געווארן אפן צורה, פונקט ווי זיי. ווי גייען די געשעפטן? — א דאנק. די מיל דרייט זיך. די גרויסע פארפונדעוועטע קראם וואקסט, ווערט נאך גרעסער. אליין, דאנקען גאט, מיר און די קינדער, זענען נישט געקומען, חלילה, פארקלאגן זיך. נישט צו פארזינדיקן. אונזער האריץ איז פול מיט דאנק... אט אזוי האט ער ליב, גאט, אז מע קומט אים נישט פארדרייען קיין קאפ, גרינטעווען בא אים אין די געדערים מיט שווערער מרה־שחורה, מיט איינגעגעסענער פיין; ער האט עס פיינט תכלית־שנאה... אף זיי, אף מיין חברס טאטע־מאמע, איז א נחת צו קוקן, אף זיי מיט די קינדער, אף דער גאנצער שטוב. עס שיינט דאך די זון איבער אלעמענס קעפ, זענען אזוי רואיק, געלאסן, שטיל, דאקוטשען נישט קיינמאל; פארפירן זעלטן א שמועס, איז עס וועגן א תכלית, אן ערנסטן ענין, קארעקט און זאכלעך, ווי בא לייטן; און מע מוז זיי באהאנדלען פיין, אויסהערן באזאכט; פאסירן דארט אף זייערס אן עולה; און אונטערקומען זייער איידעלן וואונטש — אקוראט ווי עס לויטעט

די דור־דורותדיקע טראדיציע, פון קדמונים־אָן, פון אזא סאָלידער פירמע, ווי עס איז דאָס האנדלס־הויז יהוה־עט־קאָמפּ.

מיין חברס הויז איז געווען א ליבעראלע. א חוץ אים, זענען דאָרט געווען נאָך אונטערגעוואקסענע מיידלעך, און די חסידישע עלטערן האָבן זיך אין זייער פירעכץ נישט געמישט. אהינצו פלעגן אריינקומען אינגלעך פון שטעטל, באלעזענע אין רוסיש, גאנצע אינטעליגענטן, וואוילע אנט־וויקלטע יאטן; מיטגעבראכט ביכער, יוגנט־שטורעם; מע האָט דיסקוטירט, פארבראכט צוזאמען, געזונגען געשמאק; זיך־געקושט און געהאלזט אין די ווינקעלעך פון גרויסן הויז; באוויזן א כראבראָסט פארן מיידל; בעת די עלטערן זענען געשלאָפן אין דער צווייטער העלפט שטוב; און, אליין פארשטעקט בסוד־סודות אין א ווייטן אַלקער, פארראויכערט א ציגאר־אום־שבת. מע האָט זיך געליבט אזוי תמימותדיק־דרייסט, ווי יוגנט אליין איז באשערט דאָס צו טאָן...

יענער גרויסער שטורעם, פון מענדל־דעם־רבינס עפּאָכע, וועלכער האָט געהאַט פארכאפּט קינד און קייט פון די אָרעמע געסלעך אין שטעט־טל, — ער זאָל האָבן געלאָזן כמעט אָן־אַ זייט דאָס דאָזיקע נגידישע הויז, אהער נישט דערלאנגט דירעקט, ווייל — עס איז זיי, די קינדער, נישט נוגע געווען... הגם, זיי זענען געלאָפן דאָרט, וואו אלע; געזשומעט און גע־טומלט־זיך; אהיימגעבראכט צום טאטנס טיש דעם גאסן־געפילדער און, יוגנטלעך־גרויסמוטיק, אריבער אינגאנצן אפן צד פונעם גערעכטן; זיך־אונטערגעריסן פון נאָבעלן צאָרן; און, קאטעגאָריש־אומבויגזאם, פאר־משפּט די פייניקער פון די שקלאָפן, די טיראנען, געפּאָדערט ראכע...

יאָר 1905. ווי א בראנדזייל, קומסטו אויף פון יענער מטושטשער צייט, צייכנסט אָן וועגן; ווער — מיט דיר, ווער קעגן... און עס איז געווען, אז דער שטורעם איז פארביי, און דער זשום האָט זיך איינגע־לייגט, וואָס איז געבליבן? — אין מיין חברס הויז זענען די דיסקוסיעס געבליבן הענגען אין לופטן. אינטערעסאנטע געשפּרעכן, ע ר ש ט נ ע כ־ט ן — זענען היינט פאָרגעקומען נאריש, פארלוירן יעדן זין. די אינג־לעך־אריינגייער; נעכטיקע העלדן און וועלט־איבערבויער; האָבן זיך גע־לאָשן און געצאנקט אפן סוף בא די שטוב־מיידלעך, וועלכע האָבן, געוויס,

געהאסט א נודניק; אנטלאָפן פון אים, ווי פאר פייער... ווי מיט אן אייזערנעם בעזים, איז אויסגעקערט געוואָרן דער נעכטיקער טאָג פון יענעם הויז. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אהין צוריק די אייגענע ביכער פון פריער, אינטעליגענטישע און אינטערעסאנטע. די שטוב האָט גענומען באקומען איר אייגענעם אויסזעען פון אמאָל. די זעלביקע לידער פון ליבע און יוגנט, פון נאָגעניש און בענקשאפט; און די זעלביקע געשמאקע אינגלעך אין די ווייטע ווינקעלעך פונעם גרויסן באזאָרגטן הויז... ,

איין חבר מיינער איז אומגעגאנגען א צעדולטער, א נעכטיקער, זיך נישט געקאָנט אָפּזוכן קיין רו. וואָס איז אים געוועזן? — גאָרנישט. דאָס אייגענע, וואָס מיר. מיר זענען שוין ביידע קיין קליינע קינדער נישט געווען. אָנגעשפארט אומעטום, וואו די וועלט האָט אן עק; באזאמען מיט אלע, מיט די גרויסע, געלאָפן, געשריגן, געזונגען, דערלאַנגט קלעפּ, אליין באקומען געשלאָגן; קיין צייט נישט געווען פונאנדערקלויבן־זיך, ווער — ווען...

דער שטורעם האָט מיטגעריסן. ביז, ער איז אליין אויסגעריסן געוואָרן, ער איז אוועק פונעם שטעטל. שא. שטיל. נאָך זשוזשעט דער נעכטיקער געפילדער אין די אויערן. ער שטייט אין לופטן, און ער קוקט אראָפּ תמ׳עוואטע פון איטלעכנס צורה: — וואָס איז געשען?!.

* * *

עס האָט זיך שוין דאן אָנגעמערקט דער חילוק צווישן מיר און דעם חבר. בעת איך בין, דאכט־זיך, מיטגעלאָפן אומעטום, באגלייך מיט אים, — פלעג איך, פלוצים, בלייבן הינטערשטעליק, הינטער אים, הינטער דער מאסע נייגעריקע. איך בין נישט געוועזן מיד; נישט צוריקגעקערט, חלילה, אָ, ניין. איך בין ווייטער מיטגעגאנגען. נאָר, מיטאמאָל, אינמיטן לויפן, האָט מיר אויפגעהערט ארן, ווער עס וועט אָנקומען אהין דער ערשטער, א ה י ן, ו ו א ו ה י ן א ל ע ל ו י פ ן... דערפאר אָבער, איז מיך באפאלן א חשק, און עס איז מיר געוואָרן באקוועמער אפולע — איצט, ווען איך בין נישט געלאָפן מער — אָנצוהויבן אלץ פונעם אָנהויב; צו נע־

מען ארומקוקן, וואָס טוט זיך דאָ עפּעס, פּאַרוואָס און פּאַרוועז. שיר נישט אָפּפרעגן די גאַנצע זאַך; איז דאָס אַזוי ווילכטיק אײַנגאַנצן — דאָס אַלץ... דאָרט, וואו איך גיי, גיי איך דער ערשטער. אַלע — נאָך מיר. שטיי איך ווידער, אַזוי בלייבט אַלעס שטיין מיט מיר. אַזוי, מיטאַמאָל, געוואָרן זיכער באַ זיך בין איך, דאָס קינד.

— ווער־זשע ביזטו, אָ, קינד? — פרעגט באַ מיר די וועלט.

איך בין — אַ זון צווישן אייך, אַ שטראַלנדיקע.
איך בין דער וואָלקן, וואָס פאַרשטעלט די זון — צווישן אייך.
איך שיין אַראָפּ פון אייער אַלעמענס געזיכטער.
איך לאַך מיט איטלעכנס פון אייך געלעכטער.
איך וויין מיט אייער אַלעמענס געוויין.

און איך שיין אַריין אין אייערע טעג.
אין אַלע ווינקעלעך פון אייער זיין.
איך קום צוריק פון אייך — דערוואַרעמט און צעשטראַלט —
און ווער געבוירן דאַן מיט איטלעכנס געבורט.
און נעם צונויף, אין אייערע פאַרנאַכטן —
פון צווישן אייך די צאַפּלדיקסטע און די אויסגעוואַרעמטסטע מיינע
שטראַלן —
און איך שטאַרב מיט אייער אַלעמענס פאַרגיין.

און איך גיי אויף, ווידער, אין די שפּעטע נעכט — אַ העלע
לבנה — צווישן אייך.
און פאַרפּול דאַן אייער שלאָפן מיט די זילבערנע חלומות.
און וואַך אויף, מיט אייך אינאיינעם, אין די גאָלדענע פרימאָרגנס —
און איך לאַך שוין, ווידער, אייער אַלעמענס געלעכטער.
און איך וויין שוין, ווידער, אייער אַלעמענס געוויין...

* * *

מיטן חבר מיינעם איז דאָס כסדר צוגעגאַנגען אַנדערש. ער איז, ווי אַלע, געטראָגן געוואָרן פונעם בלינדן שטראָם, זיך נישט פאַרקלערט, נישט אַרומגעקוקט, און אָפּגעגיבן זיך בלויז דער קאַביקער שפּירונג, ווי עס מאַכט אים דאָרט גוט באַ זיך אין האַרצן... איצט, ווען מע האָט פלוצים דערוואַכט, ווי אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל, געבליבן שטיין, זיך־אַרומגעקוקט — וואָס האָט מען דען הערזען?

דער שטורעם איז אַוועק, אַ ודאי, אַהין, אין דער גרויכער וועלט, פון וואַנען ער איז געקומען. עס האָט אים גענומען ציען, מיין חבר, אין דער ווייטער ברייטער וועלט; ווייל, ענג און קליין איז אים געוואָרן מיטאַמאָל דאָס שטעטל. עס האָט אים גענומען אויספעלן דאָ לופט צו אָטעמען, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט; ווי דער הימל־דאַך וואָלט אים געליגן אַצינד איבערן קאָפּ און צוגעפּרעסט; אַזוי הויך און ברייט זאָל ער זיך האָבן פונאַנדערגעוואָקסן, דער חבר, געפאָדערט מער לופט, זון, שטח פאַר זיין לעבן; ער זאָל קאָנען צעפירן די הענט, אויסגלייכן די גלידער; אַזוי נויטיק איז עס אים געווען, ווי דאָס לעבן...

— לייבל, עס איז מיר ענג אָט־אַ־דאָ־אָ... — פלעגט ער אָנווייזן אָפן האַרצן, בעת מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן הינטערן שטעטל, ווי אַמאָליקע צייטן, קינדוויז — עך, אַוועק פונדאַנען, אין דער וועלט אַריין...

— לייבל, וואָס זאָגסטו דערצו, דו שווייגסט?

איך בין געגאַנגען, אים אויסגעהערט געלאָסן, רואיק; אַליין האָב איך געשוויגן. ווער ווייסט, פאַרוואָס? — זאָגן, אַז איך האָב אים נאָך געדאַרפט לעבן זיך; אַזוויווי אין די קינדער־יאָרן, ווי איך, דער שוואַכערער, בין רס געוואוינט געווען זיך־אַנצושפּאַרן אָן אים, זוכן שוץ? — ער איז איצט שוין געווען אַ שיינער קרעפטיקער יאַט, און אַלע נאָך געבליבן באַ זיין שווערן ערנסט, ווי אַמאָל. איך, דער אָנלייגער און פאַרשאָלטענער אויסנוצער פון אַלע יאָרן, האָב איצט נישט פאַרמאָגט קיין געציילטע פאַר גוטע ווערטער פאַרן בלוטנדן האַרץ פון מיין עלנטן חבר. איך אַליין פאַר זיך האָב נאָך דאָן, אין יענעם לעבנס־אָפּשניט, ווייט נישט געדאַרפט האָבן ממשותדיק. יענע גרויסע וועלט, צו וועלכער ער האָט זיך געריסן. זי אַליין, די גרויסע וועלט מיט איר שטורעם, איז נאָך נישט געהאַט אַוועק פון מיר; פון מיין

מאָרך און פון מיין האַרץ; זי, — מ י י ן ל י ד, מ י י ן א י נ י ג ס ט ע גרויסע אנטפלעקונג — האָט אָנגעשפּאַרט איצט אין אַלע מיינע גלידער. און איר אנטקעגן, אין פאַטאַלן נעראַנגל, גייט זיך פאַרמעסטן אַצינד מיין אייגענע וועלט, מענדלס, די פון דעם טאַטנס ניגון... און יאָרן האָבן נאָך געמוזט פאַריבער, ביזוואַנעט איך וועל זי האָבן דורכגעבויערט און פאַרצערט, די וועלט פון דער פרעמד; אַליין הערנאָך אָפּערקומען — אַזוי געשטאַרקט און יונג; אַזוי לויטער, ווי קיינמאָל, און מיט נייעם קרעפטיקן באַגער צו קענענלערנען וועלט־און־מענטש, דאָס לעבן.

אַזאַ בין איך געווען און געוואָקסן. פאַרפאַלן. מיין פינצטערער שיק־זאַל אַזאַ. איך, און די וועלט. איך, און דאָס לעבן. נ י ש ט א י ך האָב געוואוסט דערפון אַליין, ד אָ ן; נישט איך האָב עפּעס געקאָנט טאָן דערצו...

* * *

איצט, זע איך דאָס איין אַזוי קלאָר, וויאַזוי — אָט יענע, דאָס אומפאַרשטענדלעכע; וואָס האָט מיך פאַר־פאַלגט, אודאי, פון דער פריעסטער קינדהייט אָן, — האָט עס מיך גענומען מאַכן אנדערש און ווי אָפּגעשיידט צו זיין פון לייטן; זיך־געשטעלט, ווי אַן אַלצדיקערוועדנדע מחיצה, צווישן מיר אַליין און — אַ וועלט מיט מענטשן. פון יענער זייט — דער חבר מיינער, דאָס גאַנצע שטעטל, דאָס גאַנצע לעבן, די וועלט! — און איך, איינער אַליין, בין אוועקגעשטויסן געוואָרן אין אַ זייט; איך רייס מיך צו אייך מיינע ליבע און טייערע; נאָר, קיינער פאַרנעמט נישט מער מיין געבעט, מיין געוויין. אַליין בין איך פאַרטראָגן געוואָרן אַפן הויכן בארג; און עס רופט צו מיר יענע שטים: — פונדערוויטנס וועסטו אָנקוקן דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד, דאָס לעבן. האָסט געזופן אהין; ביז וואַנען מע איז געקומען... טו־זשע אָנזעטיקן דיין אויג מיט דער שיינקייט פון דעם; דו טו עס בענטשן; ווייל, אַליין אהינצו וועסטו נישט אריין. אַ, ניין. וועסט אומקומען אַליין. און מער קיינער קיינמאָל וועט נישט וויסן פון דיין געביין...

אליין גאָר, אליין. אָנקוקן דאָס לעבן פונדערווייטנס, אליין און עס בענ־טשן. נו, איז וואָס? איז דאָס ווינציק פאַר איינעם דאָס זיין אליין? דאָס שטיין אינדערהויך, אויסקוקן דאָס גאַנצע לעבן, עס גוט אריינקוקן אין די בליקן, פארן פארגיין, דאן מאך איך צו דעם אזוי: — לעבן מיינס; מיין שיק־זאל, אָ, גרויסע וועלט פון מיין טרוים, איך האס דיך פון מיין טיפסטן געביין. איך זע דיך דורך־און־דורך, ווי דו ביזט דער שונא פון יוגנט, פון איר שטורעם, פון איר דראנג, פון איר פארמעסט, פון איר פלי. דו צוימסט דעם שטארקסטן מוט, נעמסט איין און ברעכסט, ווען דו קענסט. לאָזסט נישט אויפקומען קיינעמס וואונטש, אויסוואקסן און זיך־דערהויבן, ווייל — באלד ווערט ער דיר גרויס אין די אויגן, און דו באקומסט מורא, מע זאל זיך נישט ארויסמאכן אמאל פון דיינע נעגל, דיך דערקענען, אויפדעקן, צעפלעטשן. אזוי טוסטו זיך וויקלען אין אלע זיבנקאָלירענע שלייערן; אזוי טוסטו זיך איינהילן און אומפאדען פון איין מיסטעריע צו דער אנדער־רער; אז מע זאל דיך נישט ארויסזען, נישט אָנקוקן קיינמאל דיין פרצוף, וויאזוי דו ביזט; אז מע זאל דיך פארהערלעכן, באמאלן און באפוצן, באַ־צירן דיך מיט אלע טוגנטן פאראמאל; אויסחלומען און אויסבענקען מיט אונזער ליכטיקער מענטשן־פאנטאזיע, מיט אונזער בלוט און מארך, דיין רעטזעלהאפט געשטאלט; אז עס זאל שרעקן און ציען, ווארפן פון די פיס פאַר דיר, אין שטויב פאר דיר, אין פיין און אין ליידן, אין געבעט צו דיר — זאָלסט ע נ ט פ ע ר ן, פ א ר ע נ ט פ ע ר ן מענטשלעכן ווי, מענטשלעכן עלנט, מענטשלעכן אומגליק; ע נ ט פ ע ר ן ז אָ ל־ס ט ו, און לייכטער מאכן, און העלפן טראָגן די פיין! — נאָר דו, אָרעם, נישטיק געדעכעניש, אָן מארך און אָן הארץ, נאַקעט און הויל, אָן לייב און געזונט — דו ווערסט טאָן שווייגן אזוי וואזשנע־גרויזאם; אלץ טאָן שווייגן, אימער טאָן שווייגן. און זאלן זיך שטאָלצע קעפ און הערצער ווייטער שלאָגן אָן דיין שוועל, שלאָגן און דערשלאָגן ווערן. און זאל זיך זיי נעמען דוכטן, אז זיי הערן דיין שטים צו זיי רופן, זייער נאָמען אויס־רופן, ווי זיי זענען אויסדערוויילט געוואָרן פון דיר צו אומקומען אין עלנט און אין דער וויסטעניש, אז קיינער זאל קיינמאל נישט דערגיין, וואו עס איז אהינגעקומען זייער געביין. אזוי ווילסטו, אזוי באגערסטו;

אזוי, מיינסטו, וועט אייביק דויערן; און דו, אַליין ווי דו ביזט, וועסט זיך רייבן אַ האַנט־אָן־אַ האַנט פאר נחת, און זקנה'ש־כיטרענקע צוכיכיקען אף מענטשלעכער תמימות, אומבאַהאָלפנקייט און „טפשות”, וואָס לאָזט דיך שאַלטן און וואַלטן אזוי, זינט תמיד, און ביז אייביק; און פּרוּאווט גאָר־נישט קיינמאָל, און עס פאלט גאָר קיינמאָל קיינעם נישט איין — אזוי, איינמאָל, אַ נעם־טאָן, אַ ריס־טאָן פון דיר דעם פינצטערן שלייער — אַ סוף־טאָן צו דיר! —

אַז, אָך און וואוויל איז דיר, פינצטער לעבן אונזערס; אַ גוטס אף דיר, אַ גליק איז אף דיר, וואָס דער גלויבן אין דיר נעמט זיך גאָרנישט אויס; וואָס אַלע, אַלט און יונג, איבערגעלאָדן מיט אַזויפיל שוימיקן ווין און זאַפּט, טרייבן צו דיר אויפאָפּפערן די כוחות, וואָס דריקן צו דער ערד, נישט־האָבנדיק זיך וואו אהינצוטאָן מיט זיי; וואָס אַלע לויפן נאָך אַלץ צו דיר אויסבעטלען גליק, פרייד און מאַכט; און דו, אזא העסלעכע גע־מיינע מכשפה, ווי דו ביזט; דו טוסט זיך ווייטער יאָגן און נאָכיאָגן — ווי די אבשיילעכע זונה דורך די יאָרן פון מיין קינדהייט — און אָניאָגן איט־לעכנס אומשולדיקע פרייד, גליק און טרוים, אזוי טוסטו אַלץ צעפּרעסן, צעשטויבן, אָפּלאָזן אפן ווינט, אזויווי נישט געווען גאָר קיינמאָל. און ווייטער זויפן מענטשן־טרערן, מענטשן־פּיין, מענטשן־וויי; און ווייטער שווייגן אזוי גרויזאַם־וואָזשנע — אָ, דאָס לעבן האָט קיין ענטפער נישט געגיבן, און עס וועט נישט גיבן אויך! — און ווייטער כיכיקען אין דער שטיל, אויסחוזקן מענטשלעכן גלויבן, מענטשנס זיין דערהויבן, אזוי — אָן אַ סוף! —

אָבער, איצט גלויבסטו שוין, אַז דיין סוף איז דאָ. עס גייט אף דיר דיין אומקום. פון אַלע הויכע בערג וועלן מיר נידערן, די פאַרשטויסענע, די שיקזאַל־פינצטערע, די אָפּגעשיידטע פון וועלט און מענטש. וועלן מיר נידערן צו דיר אין די טאָלן; וואו דו ליגסט צעלייגט, ווי אַ קרעבס; און זויפסט יונגט, און מענטשנס זאַפט, און מאַרך. אזוי, וועלן מיר אַ ריס־טאָן פון דיר דעם וויסטן שלייער, דיין אָנגעדראָלענע טענדעווערענדע, פון אומצייליקע צייטן זיך־ווייקן אין מענטשנס געזאַלצענעם יאם פון טרערן. דאָ בלייבסטו שטיין פּאַראַמאָל, צו אַלעמענס גליוּוער און גרויל — אזא

נידערטרעכטיק־געמיינער גאווער, אזא נבזהדיקער עקל און אָפּשטויס! — און צו דיר האָט מען עס געטראָגן איבערגעלאָדענע כוחות פאר אַן אָפּ־פער, אז עס איז נישט געווען זיך, וואו אהינצוטאָן מיט זיי!... און פון דיר האָט מען עס דערוואַרט אַן ענטפער פאר מענטשנס אַנגעבראָכענער גבורה, געשלאָגענעם מוט, פאר מענטשנס אומויסגאַנגלעכער פּיין!... — א שליידער דיך אין וויסטן אָפּגרונט אריין! דיין לעצט געדעכעניש זאָל ווערן צעשאָטן. אז מער זאָל קיינער קיינמאָל נישט וועלן וויסן פון דיין געביין...

און מיר, צוריקגעקומענע; אָ, די שיקזאַל־באַפרייטע און אהיימגעקער־טע אין די טאָלן, צו עלנטער וועלט און מענטש; מיר, דערלייזטע, דער־הויבענע, וועלן זיך אויפדערנגען באַזאַמען, האַלזן, אומאַרמען, באַ־וואַשן די פּנימער מיט קוואַלן טרערן פון פרייד. צוקוקן, מיט אויפגע־ראַשטן געמיט, וויאַזוי פון אונזער צעבליטן מאַרך און האַרץ, פון אונזער איינגן בלוט נעמט עס אויפגיין, יענץ, דאָס אייביק־נעגאַרטע, נעחלומטע, דאָס געבענטשטע יונגע לעבן, דאָס נייע לעבן, דאָס אומשולדיקע, די נייע גרויסע וועלט. נעמט עס אויפ־גיין אין אונזער מיט; שטעלן די ערשטע קינדערשע טריט, צום טאַנץ, צו פרייד. אַזוי ווי א קעניגן־קינד, א פרינץ. ווי א בעטלערל א קליינס, א לוס־טיקס און א שיינס. ווי א כלה, פאַרשעמט און מלא־חן, גייט דעם מצוה־טאַנץ. אַזוי ווי א גוטע באַבינקע שיינט אויף קינדיש־מילד; נעמט גיין אליין אין קאַראַהאָד. אַרום די אייניקלעך קלאַפּן צו מיט די הענט...

אָט אזוי טאַנצט דאָס לעבן.
מיר, די קינדהער, פּלעשטשען צו...

איז, צום קאַמף, ברודער. נאָך איז די האָפענונג נישט פאַרלוירן. צום לעצטן אַנטשיידענעם קאַמף. וויים — א וועלט מיט מענטשן גייט נישט אונטער.

* * *

אין יענע יאָרן, מיין חבר, יענער עלנטער אינגל, האָט נאָך אַלץ אויסגע־קוקט אַף מיין ענטפער. מיר האָבן נישט אויפגעהערט גיין צוזאַמען. ער האָט געמוזט דערשפּירן, ווי איך ווער עפּעס אַנדערש, ווייטלעך, פרעמד. איך האָב גענומען גיין און שווייגן. אַזוי שווער, ערנסט, געקאָנט אוועקטראַכטן שעה'ן לאַנג. נעמט זיך אים אויסדוכטן, ווי איך בין אים איבערגעשטיגן; אַזוי־ווי אָפּגענאַרט אין עפּעס; און דאָס געמאַכט בשתיקה, אַליין, ווי אַ גנב. הערט ער מיך אויף טרויען. ער קוקט שוין אַף מיר פון דער זייט; ווי ער וועגט דעם געדאַנק, ווייל כאַפּן די אומדנא; ווייל, ער איז אומרואיק, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, אין מיין אַנוועזנהייט. זאָל ער מיך נאָכטאָן?...

איך האָב מיך גענומען אַריינטאָן אין לייענען. טאַקע בא אים אין שטוב, בא די מיידלעך גענומען די ביכער. פון קנוט האַמסאַן, הונגער, און אַנדערע; פון אַנדרייעוו, אַ דערציילונג פון זיבן געהאַנגענע; פון גאָרקי, דריי; פון אואיילד, דער פּאָרטרעט פון דאָריאַן גריי... די וויזיע האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר מיט אַ שוידערלעכער קראַפט. אין יענער וועלט פון דער פאַנטאַזיע, — אין מיין וועלט — איז אַלץ מעגלעך; דער אומבאַגרעניצטער וואונדער. דאָריאַן לעבט זיין טרויעריק לעבן, ער קעמפט, ער ליידט, ער ליבט, ער פאַלט און ער טוט זיך דערהויבן; אָבער — ער לעבט דאָך גאָר נישט פאַר זיך. דאָס אַלץ געהערט מיט אים זיך נישט אָן. ער לעבט אַ לעבן; נאָר — ער לעבט דאָס גאָרנישט איבער. נישט עס באַ־רירט אים אפילו. ער בלייבט יונג, ווי געוועזן. אימער יונג. שוידערלעך יונג. נישט עס קלעפּט צו אים דער חותם פון לעבן, קאַמף, ליידן, ליבע, פאַלן, דערהויבן זיך. ער לעבט, און — ער לעבט נישט. עפּעס איז דאָך גאָר אַ שרייענדיקער ליגן, אַ גרויזאַמער שפּאָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס, דיינס, מיינס. אָט — דאָס — לעבן איז דאָך גאָר קיין לעבן נישט — וואָס מע הערט אַלע אַרום, וואָס מיר זעען. עלנטע, וואָס מיר זענען. אומגליק־לעכע. נאָר, דאָרט אין דער טיף ערגעץ, גאָר אין דער הויך, פאַרבאָרגן און פאַרהוילן פאַר דיין אויג; דאָרט הויבט זיך אָן אַ נייע וועלט. דיין וועלט איז זי, און דיין לעבן פול וואונדער. דאָרט בליט דיין בילד, און לעבט דיין לעבן, קעמפט דיין קאַמף, ליידט דיין לייד, ליבט דיין ליבע און ווערט דערהויבן; און פאַלט צו דער ערד פאַר דיר, אין בלוט, אין שאַנד פון דיין פאַרברעכן...

דו ביזט אריבערגעטראָטן דעם גבול פון דיינע טעג מיט נעכט; ווייסט נישט, וואו דו ביזט; שטייסט, אַן עלנטער, און אויסגעליידיקט, אויגּאויף־אויג מ י ט ז י ך, און טרעפסט נישט דעם וועג אַף צוריק...

סיידן, מיט א מעסער אין האַרץ דעם גרויזאַמען שיקזאַל, דיין באַ־רויבער — אָנהויבן דאָס לעבן פונדאָסניי!...

ערשט, דאָס אייגענע מעסער לעבערט דורך דיין אָרעם מענטשלעך האַרץ, און — דו ביזט אויסגעלייזט אין אומקום. עס האָט אָפּגעטאָן פון דיר, מיטאַמאָל, דער פאַרשאָלטענער צויבער פון דיין יוגנט — און אַליין, ווי א קין־צייכן, ווידער אויפגעפלאַטערט אַפן קאָפּ פון דיין פאַריאָגטן שיקזאַל, ווי אַמאָל. און דו ביזט צוריקגעקערט צו דיין רו...

איך האָב אויפגעוואַכט און זיך אַרומגעקוקט. מיין חבר איז געווען לעבן מיר. ער איז מיר איצט נאָכגעגאַנגען, געפּרואווט צוימען זיין גלייכן געז־זונטן וואונטש און באַגער נאָך שווערער אַרבעט, אים פאַרבייטן אַף אימאַגינאַציעס, וואָס האָבן אים נאָר אויפגערייצט, געלאָזן אַ הונגעריקן, א דורשטיקן... ער האָט פאַרענדיקט האַמסאָנס דערציילן פון די ברייטע אומ־ענדליכע פּרעריען (סטעפּעס) אין אַמעריקע, וואו שטאַרקער מענטש קעמפט מיט אומגעצוימטער גרויזאַמער נאַטור, ביז ער באַצווינגט זי; און, ער איז געבליבן אַן אויפגעקאָכטער ביז צום גרונט. ער האָט נישט געקאָנט מער.

— לייבל...

דאָס איז געווען זיין לעצט מאָל, אז ער האָט גערעדט צו מיר. זיין קול האָט געציטערט. פאַר אויפרעגונג, איז ער געוואָרן אַזוי טויט־בלייך אַפן פּנים; ווי יענץ מאָל, מיט יאָרן צוריק, באַם טייך, וואו די פרעכע צווייג האָט זיך באַוויזן פאַרן לויטערן אינגלשן בליק אַזוי אבשיילעך־נאַ־קעט... „— טראָג איך די שולד אין דעם?!. — ער האָט אויפגעהויבן זיינע צוויי שטאַרקע הענט, אויסגעשטרעקט פאַר זיך; אַזוי האָט ער גערעדט:

— לייבל, איך קום דאָ אום. זע, ווי שטאַרק איך בין. וואו טו איך אַהין דעם כוח? — דאָרט, אַף די ברייטע פּרעריען; צי אין שטאָט, אין פאַבריק; אַזוי וואָלט איך מיך אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. שפּירן, עס זינגט אין מיר דאָס בלוט; אויפזידן, אויפגעקאָכט ווערן, אויסגלייכן

די גלידער אזוי שטאַלץ און מוטיק — ווער איז צו מיר א גלייכן? — אָ־בער דאָ...

און זיינע הענט זענען אים אראָפּגעפאַלן אין אוממאכט, אים געבויגן, געלאָשן דאָס פּנים, דאָס קול. אזוי, איז ער אוועק פון מיר; א פרעמדער, אן עלנטער. ער האָט מיך מער קיינמאָל נישט דערקאַנט, באַם באַגעגענען זיך, עס פלעגט אויסקומען. ער האָט מיך נאָר אָנגעקוקט, מיט טרויער אי־נעם בליק, און די ליפּן זענען געבליבן פארשלאָסן, פּונקט ווי דאָס פּנים... כ׳וואָלט געמאָגט שווערן, אז אים האָט געצויגן צו מיר, אקוראט ווי מיך צו אים; ווי מיט צווענגער, ממש צום אויסגיין. אָבער אינדערמיט האָט זיך אוועקגעשטעלט דאָס פארפלוכטע לעבן, ווי א חרב־המתהפכת, און נישט דערלאָזט.

* * *

אצינד, נאָך אזויפיל יאָרן; הענגען ווידער איבער מיר, ווי שווערע בליי־געוועכטן, זיינע שטומע טרויער־בליקן, מיט פאָריבל:

—...לייבל.... אוועק פונדאנען אין דער גרויסער וועלט אריין... וואָס זאָגסטו דערצו, דו שווייגסט?!.

—...ניין. חבר טייערער, בלוט פון מיין הארצן. איך ווער רויט פאר בושה, וואָס איך האָב נישט קיין ענטפער. נישט פאר דיר. פאר זיך אליין אויך נישט. איך דערקאָן נישט מער די וועלט. אזוי האָט דאָס לעבן זי פארענדערט, געמאכט אומהיימלעך, פרעמד. אויך זי הערט אויף דער־קענען מיך, אונזעריקע... וואָס האָט מען איצט פון דער גרויסער וועלט? ווייטיק, פיין יאוש. דאָרט, בא דיר אינעם שטעטל, איז, א ודאי, אנדערש. ווי עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט. וואו עס זיצט מענדל דעם רבינס; א בכבודיקער איד שוין; אצינד אינעם טאטנס קלויז, אף זיין „שטאָט"; אָנגעבויגן איבערן שטענדער; דער שטערן פארקנייטשט, און ער מוח׳ט זיך. ווי א קפדן; איינגעשלאָסן אין זיך; נישט צולאָזן מער קיינעם, ווער כ׳זאָל ווידער מבלבל־זיין. — מוחל דער וועלטס לאַסקע. אליין, מיט זיך, וויל ער בלייבן, גאנץ... ער צעוויגט זיך איבערן אלטן ספר; נעמט לערנען

מיט געשמאַק, עקשנות, מיט התלהבות; און אַזויפיל מתיקות און צער און טרויער אינעם אַלטן אידישן ניגון...

—...אוי, תנו רבנן... די רבנן האָבן געלערנט...

נעמט דוכטן; עס פאַלט אַוועק פונעם אויג אַ וויסטע פאַרבלענדזע־ניש, אַ פינצטערע פּלאַכטע. עס טוט זיך אָפּ פונעם אייגענעם האַרץ, מיט־אַמאָל, אַ פאַרשטאָפּונג, אַ פאַרשאָלטענע בלינדקייט. ליכטיק איז דיר גע־וואָרן פּלוצים, אַרום־און־אַרום... עס זיצט מענדל און לערנט געשמאַק. עס לערנט דער טאַטע. דער זיידע. אַלע לערנען. ווי אַמאָליקע יאָרן, פאַר־צייטנס, די נביאים, די ראשונים. עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט — דו הערסט? פאַרנעם דאָס קול. דעם אַלטן הייליקן ניגון. פון אייביקע לייד און פּיין. ער קומט משפּטן די וועלט. ער גייט זי דערלייזן, די וועלט. אָ, זאָג, וואָס האָסטו געהערט?

...שטייט אויף, איר אַלע, וועך, ווי שלאָפן,
פון עלנט ליידט און פון נוים...

— דו האָסט געהערט, חבר?

א חברטע פון „בונד"

דער לייענער האָט זיך שוין געמוזט כאַפּן אַף דעם, וויאַזוי דער נאָטירער איז אַוועק אַף אַפּולע פּאָרוים, אין די שילדערונגען; און אַז איצט, במילא, איז ער געצוואונגען צוריקקערן צו יענעם מקום, וואו ער האָט געלאָזן די געשעענישן פון דאַמאָלס אינעם שטעטל — גאָרנישט לויט די רעגעלן פון דערציילן. דער זעלבער לייענער; אַ ודאי, אַ דעמאָקראַט פון די אַלטע צייטן; זאָל אויך האָבן אויסצוזעצן אַ שלל מיט תרעומות קעגן דעם „טאָטאַליטאַרן גייסט" פון די אָרעמע נאָטיצן. ער איז אַנדערש נישט געוואוינט — ווער ער טענה'ן, דער אַלטער ליטעראַטור־פּאָליטיקער — ווי צו זוכן אומעטום דעם ליבעראַלן גייסט פון דעמאָקראַטיע. ליטעראַטור, ווי אין אַ פּאַרלאַמענט; וואו מע לאָזט איטלעכן קומען צום וואָרט. אַזוי שטעלט ער זיך פֿאָר די אָביעקטיווע, די עפּישע שילדערונג. עס רעדן די פֿאָרשטייער פונעם לעבן, פריי, אומגעשטערט: אַלט, און יונג; אָרעם, און רייך; זאָלן אַלע דאָ זיין פארטראָטן; איטלעכער, אין זיין לשון, איבערגיבן די נויטן און ליידן פון זיין גראַד. וועט מען הערן, וויסן וויאַזוי אורצוטיילן...

דאַקעגן — דאָ, אין די אומגליקלעכע נאָטיצן, איז אַ דערשטיקעניש נישט איבערצוטראָגן; וואו דער אומדערטרעגלעכער איך, דער לייב שקראַפּיל, האָט זיך צעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, רעדט פאַר איטלעכן, זינגט פאַר יענעם, טראַכט און פילט פאַר דער גאַנצער וועלט, אורטיילט וועגן לעבנס פון דורות; און — מער קיינעם דערלויבט ער נישט אַ וואָרט אויסצורעדן! — ווער־זשע איז ער דאָס אַזעלכס? —

—...רייד האָט זיך אים איצט פארוואָלט, דעם לעצטן טרובאדאָר פון פרייהייט; ווידעראַמאָל רייד; און אָבעראַמאָל רייד, און געזאַנג, מיט דעקלאַמאַציע, צו זיין הארצנגעליבטער, פיל־געאַכפּערטער און הויכגעשעצטער דעמאָקראַטיע... אַז אַ וועלט קומט אום אין פלאַמען... קום־זשע ארויס, מיט מיר צוזאַמען, באַ־דער־נאַכט, אפן שליאַך; ווי אַ פּאַיאַץ, אין איין פּאָזע מיט מיר שטעל זיך גלייך; נעם דעם טאָן, העלף זינגען:

צו דיר, אָ, מיין וועלט...

און ווידער ווילט זיך היינט צו זיין באַנאַל.
און זינגען פון די אַלטע גוטע צייטן.
ווען מיר ביידע האָבן נאָך פּאַרמאָגט אַן אידעאַל.
און מיר האָבן נאָך געבענקט צו נעפּל־ווייטן.

וואָס אמת איז — דו ביזט אַסאַך היינט שענער פון אַמאָל.
איז אין הארצן אויך, מסתמא, רואיקער און קלאָרער.
זעט מען עס אָן דיין בליק — לויטער, ווי קרישטאָל —
אַז אַלץ, וואָס נעפּל איז געווען, איז נאָענטער און וואָרער.

אָבער, מיר איז אַלץ נאָך ליב יענע שטילע צייטן.
ווען הארץ־אין־הארץ־פאַרבענקטע, האָבן גאָרנישט נישט געוואוסט.
און זיך אַנדערש גאָר געצונדן האָבן נעפּל־ווייטן.
און געשלאָגן גאָר אַן אַנדער וואַרעמקייט פון דיין ברוסט.

היינט — ביזטו געוואָרן עפּעס שרעקלעך נאָענט־פּרעמד.
אַלץ האָט אויפגעבליט, וואָס איז געווען נאָר אין פאַטענץ?!
אָ, ווי מע וואָלט אונז ביידן אויסגעטאָן דאָ נאַקעט ביז צום העמד.
און דערקלערט אונז פשוט דאָס און יענץ.

* * *

דאָס שטעטל איז אַלץ געוואָקסן. מיטן לויף פון יאָרן, האָט עס גע־ענטפערט ווירדיק, ערנהאַפט אַפן רוף פונעם לעבן, פונעם טאָג, פון דער שעה. אַלע ברייטע שטראָמען פון דער וועלט האָבן עס, אַ ודאי, נישט אויס־געלאָזן; אַהער צוגעשלאָגן מיט האַסט, מיט פראַכט, עס געפּרוּווט מיט־רייסן מיט זיך. האָט זיך עס צעזאָדן ווידער, ווי אַמאָל, אין די גאָר יונגע יאָרן, צעשפּריצט, צעשוימט; באַוויזן — עס שטייט אַלץ נישט אָפּ פון קהל, פונעם כלל־וועלט; איצט, אַ ודאי נישט. דאָס שטעטל גייט ווייטער אין שפּאַן; שלעפּט דעם עול, לויט די כוחות; אָבער, ערלעך און מוטיק פאָרויס.

אַזוי, זענען אַריבער יאָרן פון מלחמה, רעוואָלוציע, די שטראָמען האָבן געגומען אנטפאַלן; אויס געוויסער; ווידער אַריין אין בעקן פון לעבן, אין טעגלעכן לויף. דאָס שטעטל, די יוגנט האָט זיך נישט געקאָנט אַמשוכען, אויסניכטערן פונעם נעכטיקן טאָג; פון ראַשיקער וויזיע; פון הייליקן טרוים, וואו זי לעבט איר לעבן אַזוי רעאַל, געזונט און בליט אַפן אויג. זי האָט זיך געפּרוּווט בונטעווען, די פּאַרלאָזענע שמידאָוויצער יוגנט. אָפּגעריסן פונעם קוואַל, פונעם הויפּט־שטראָם, וואָס נעמט אַלץ אַרום, — איז זי זיך איצט צעפאַלן, די יוגנט, אין שטראָמען פון רעכטס, פון לינקס; גרעסערע, קלענערע; זי האָט אימפּראָוויזירט קאַמף.

* * *

די חברטע ביילע פון „בונד" איז געווען אַ קינדיש־שטאַלטנע, אַ ליכטיקע, אַ בלאָנד־געקרויזטע גאָלד־זוניקע זאַנג; מיט אַ רונד פּנים, אַ צאַרטן שמייכל; און די בליקן, אַזעלכע גרוי־פאַרשלייערטע. איר געקירצטע קליידונג האָט נאָך אומשולדיק גערעמט איר גאַנצן קינדישן אויסזעען, איר אומבאַרירטקייט, ווי אַ צווייבער־אַנטפּלעקונג, אַ ציטערדיקע אויסשטראַ־לונג. מע האָט געקוקט צו איר, אין ערפוכט, אָפּגעבריט די אייגענע פאַר־הלשטע בליקן, און דערפילט מיטיינמאָל — וויאַזוי דאָס לעבן איבעראַ־ניים נעמט וועגן פולבלוטיק; אַ רעטעניש; אַן אָנגעשפּראָצטע בלום, זי גייט זיך באַלד צעעפענען... חברטע ביילע האָט זיך צעשמייכלט, זי לאַכט.

הילכט אַף אַרום אַ פרייד אַ נישט־געשטוינענע; אַ צעציטערטע, ווי פון שטראַלן־אַקאָרדן זי קומט. אַזוי ווי זי אַליין איז אַרויסגעשפּרונגען דאָ פון דיין אויפגעזאָדענער פּיאַנאָ־וועלט, דיין האַרצנס אויסגעבענקטע וויזיע; באַ דער זוים געבליבן פאַרהאַלטן, אַ שוים־צעכוואַליעטע, אַ בלאַנק־אומ־באַפלעקטע... באַלד גייט זי נישט ווערן...

זי, ביילע, האָט באַרירט אַ בוך אין דער ביבליאָטעק; געלאָזן רוען אַף דעם איר האַנט. עס איז געשען אַ וואונדער. זי האָט באַהויכט יענע בוך מיט איר מאָרגן־רויט און באַגינען. אַלע האָבן זיך געכאַפּט צו דעם, עס לייענען. יענע גליקלעכע בוך האָט ראַש אויפגעבליט; איז גיך אָפּגעוועלקט געוואָרן; ווי אַן אָנגעשמעקטע בלום, די בלעטער צעפאַלן און פאַרשוואונ־דן... מע האָט זיך געדאַרפט משער־זיין, אַז זי, ביילע, ווייסט אויך פון וויינען, אַ חוץ פון פרייד. ווייל, צו־טרויעריק און וויסט וואָלט אויסגעקוקט דאָס לעבן אָן איר געוויין. וועך עס האָט גוט אָנגעקוקט איר שמייכל, יע־נער האָט דאָס געזען. נאָר, וועגן דעם — הערנאָך.

זי איז אָפט פאַרשוואונדן פונעם שטעטל אַף לאַנג. שפּעטער, אַז זי האָט זיך באַוויזן ווידער אין פאַריין, אין יענער ביבליאָטעק; און חברים־אַרבעטער, אינגלעך האָבן איר אַרומגערינגלט, אַריינגעקוקט אין די אויגן:

— ביילקע, וואו ביזטו געווען? פונוואַנען קומסטו איצט?

דאַרויף האָט זי געהאַט איין ענטפער. זי האָט זיך דערשפּירט, מע האָט עס געזען, מיטיינמאָל אַזוי גוט; אַזויפיל ליבע האָט זיך געשטרעקט צו איר אַצינד פון אַלע; איר געמאַכט אויפבליען, צעשפּילן די פרייד אי־בערן פּנים. נאָר, זי האָט זיך צעשמייכלט מילד און שטיל און גוט. זי האָט אַרויסגערעדט דאָס איינע וואָרט:

— קאָנספּיראַציע...

און איר שמייכל, איצט, האָט אַלעמען געפּראוואוט שטילן; איינגע־נומען, פּונקט ווי אַ מאַמע — קליינע צעבאַלעוועטע קינדער; אָן ווער־טער, זיך באַ זיי געבעטן, מע זאָל איר לאָזן צורו, ווייל — זי, ביילע, איז אַזוי מיד, אַזוי מיד...

דאַן איז מען געבליבן אָפּהענטיק, אַלע ווי איינער; געקוקט צו איר, מיט אָפּשיי און אומרו באַגלייך, וויאַזוי זי קערט אום צוריק אין זיך,

פון איר מאָמענטאַנער אויפלעבונג; בלייבט ווי איינגעשלאָסן, צוגעשטילט. בלויז דער שמייכל ציטערט; פלאַטערט אום, ווי א געפאַנגען פייגעלע, איבער די ליפּן, אירע באַקן; הענגט זיך אָן אָן אירע בליקן, ווי א איינגל טרייבן א שווערם, איבערגעלאָדן מיט זאַפט...

— וואו איז זי געווען, ביילקע אונזער הארציקע?... — אַלע האָבן געוואוסט דעם סוד און געליטן פאר איר. זי האָט געוואָלט ירחמיאל דעם קאוואַל; און ער האָט געפירט די רויטע גרופּע אין שמידאָוויץ. געווען איז ער ווילד, פאַנאַטיש, זיך נישט געלאָזן רעדן. געגנוג איז געווען פאר אים, אז איינער איז פון „בונד", — דאָס יענער זאָל זיין א פארעטער. ער, ירחמיאל, האָט נישט גערוט באַטאָג, באַנאַכט. באַקומען פון אויבן ־ ערגעץ באַפעלן; געגאַנגען איבער די דערפער, ארום שטעטל, צווישן די פּויערן, זיי אויספּירן. מע קאָן קיינמאָל נישט וויסן, וואָס דער טאָג ברענגט. די רעוואָלוציע איז אַוועק פונעם שטעטל; זי קאָן מאָרגן ווידער אָנשלאָ־גן אָן דער טיר. קומט, קינדערלעך... ווער וועט זי אויפנעמען — אפשר, דער „בונד"?!. — מע דאַרף תמיד זיין גרייט. נישט מיין דאגה איז צו טראַכטן. מע ווייסט דאָרטן, פון אויבן, וואָס פאר אונז איז גוט. מע הייסט טאָן, און פּאַרטיק. גיין, איז געגאַנגען!...

ער האָט זיך געשפּירט קרעמפּירט פון ביילקע דער נייטאָרן. וואָס קריכט זי אים נאָך אומעטום? — אז ער גייט אין דאָרף, צווישן אָרע־מען וואָלינער פאָלק; תמיד וואַקסט זי אים אויס אנטקעגן, פארקליידט פאר א פּויערטע, און זי שמייכלט. עס גייט איר צו צום צורה; אוקריייניש רעדט זי בעסער פאר אים; און זי זאָגט, אז — זי וועט אים באַגלייטן. עס איז א סכנה אַליין... — ווער האָט איר דאָס געבעטן? — זאָל זי גיין צו די איריקע דאָרט אין שטעטל, וואָס זיצן צעלייגט־זיך אין זייער ביבליאָטעק, איבער די ביכער; גאַנצע אינטעליגענטן געוואָרן; און, מע לייענט אזוי וואזשנע, מע מאַכט זיך גרויס; רק מע באַרעכנט, וויאַזוי די רעוואָלוציע וועט זיך אויסשיילן אַליין, ווי א פייגעלע פון אָן איי, אונ־טער דער מאַמעס פּאַזעכע; וועט זי קומען צופליען, זיך־צעטרילערן ווי א קאַנאַריקל — אז דאָס געזאַנג וועט נעמען קיצלען דאָרט אַלעמען באַם פּופּיקל, אזש צום לאַכן, אזוי גוט און וואויל. און אַלע, דאָס גאַנצע

שטעטל, אָרעם און רייך באַגלייך, וועט זיך צעלאַכן — אַ גדולה אַף דער באָבעס קאָפּ. מע וועט זיך אַרומכאַפּן, ווי קליינע קינדער, צעקושן און גיין טאַנצן...

אָ, פּחדנים!... נישט אומזיסט איז ער אַוועק פון זיי. נישט אויסגע־האַלטן. אין זיין גרופּע, ווען ער האָט אַזעלכע, די פּוילע באַנדע; מיט זיינע אייגענע פויסטן וואָלט ער זיי צעריבן. חכמים! זיצן, מיט פאַר־לייגטע הענט, און וואַרטן... אין פייער גיי, ברודערקע. לויף אום, ווי אַ רוח, פון דאָרף צו דאָרף און פון פעלד צו פעלד; גיי, וואָס וואַרטסטו? — שנאַפּ אויס, שמעק אָן, אפשר דאָ, אפשר דאָרט גייט זי, קומט זי. איז זי שוין דאָ. וואָרום, ווייַ וועט זיין צו אייך, אַז זי טרעפט אייך שלאָפן, מיט פאַרוואָרפענע קעפּ... עך, קינדערלעך. אַז זי וועט קומען; און טאָן אַזאַ דערלאַנג מיטן האַמער איבער דער קאַוואַדלע; אַז פונקען וועלן זיך צעשפּריצן, און אָפּהילכן וועט דאָס קול, דונערן איבער דער גאַנצער צו־געשטיקטער באַם גאַרגל וואָליניע; אַז שליאַכעטסקע לאַפּע וועט אַ ציי־טער־טאָן, ווערן געליימט פאַר שרעק... עיי, דאָרט, ברודער פון דאָרף, שטיי אויף. עס האָט געשלאָגן די שעה. אַריבערדערלאַנג דיין האַנט צו יענער זייט. שטשע ניע אומערלאַ אוקראַאינאַ. זאָל לעבן...

...דערפאַר, דאַרף מען נישט רוען. דערפאַר, טאָר מען נישט רוען, ווייל רוען איז אַ פאַרברעכן. אין ריזיקע, דאָס לעבן שטעטל אין געפאַר, אין פייער קריך, האָב נישט מורא; ציטער נישט, חבר. וועסט זיך אָפּ־בריען, פאַרברענט ווערן; איז וואָס? טוסט פאַר זיך? דיין זאַך איז עס? ביזט נישט אַליין. וועלן קומען אַנדערע. אין די טויזנטער. מע וועט נישט רוען. פון דאָרט הייסט מען גיין, גלויבן, טאָן...

ער האָט נישט געוואוסט זיך־אויסהיטן פון אַ געפאַר. אַזוי שטרענג און אימפּעטפּול, ווי ער איז געווען; איז ער געגאַן מיט מענטשן, ווי אַ קינד. געגלויבט אינעם אמת, אינעם וואָרט, וואָס האָט אים פאַרשטעלט דאָס אויג; אין דער וועלט און אין דעם מענטש; אַזוייווי זיין ברודער, אַמאָל, מענדל דעם רבינס; אַזוייווי דער שטאַרקער חבר פון מיין קינדהייט.

ער האָט נישט געקאָנט ליידן לעבן זיך דער חברטע ביילע, וואָס זי היט אים אַזוי אָפּ; היט זיך מיט אַ וואָרט, באַם רעדן, פאַרציען אַ שמועס

מיט דער פּויערטע אין פעלד, מיטן פּויער בא דער אַרבעט. זי איז אים נישט אָנגעשטאַנען נאָר מיט איר סטאַטעטשנעקייט, געלאַסן־זיין, אַ צעכט, פּונקט ווי אַ באַלעבאַטישע... אַזוי, גייט זי אים נאָך, פון קינדווייז־אָן, אינעם שטעטל; אומגעלאָפן צוזאַמען אין איין הויף. דערנאָך, אויפגע־וואַקסן, גענומען אַריינקומען אין שטוב, טיר־בא־טיר, אונטער איין דאַך. אַליין איז זי אַוועק לערנען־זיך בא אַ נייטאָרן; און פון דאָרט — צום „בונד". אַזויווי ער. אָבער, ער, און די גרופּע זיינע געטרייע חברים זענען אַוועק פון דאָרט, אַז עס האָט גענומען קערן די גאַל. נישט געקאָנט אַרי־בערטראָגן מער די קריכערייי. און זי איז פאַרבליבן. אויסגעוואַקסן בא זיי אין די אויגן, געוואָרן גרויס, אַ גאַנצער לייט. אָן איר טוט זיך נישט אַ זאַך... איז עס נישט צום לאַכן? וואָס טוט זיך עס דען בא זיי אינגאַנ־צן? וואָס טוען זיי דאָרט אַלע? מע לייענט? און, וואָס הערט זיך מכוח עפּעס טאָן, אונטערנעמען? איז איצט אַ צייט פאַר דעם — א ז א וועלט ברענט — פאַרן אַרבעטער־מענטש זיך זעצן שטודירן? אַוועקלייגן דאָס גאַנצע טאָן, גיין לערנען ערשט?! — קיינמאָל אין דער וועלט נישט! — איך, ירחמיאל דער קאַוואַל, וועל שוין גאַרנישט אויס־שטודירן! צעדרייען די געדאַנקען נאָר בא זיך, די אייגענע חברים; אַ צעמישונג קומט אַף דיר, אַ בייזע האַלאָוויע; די האַנט הויבט זיך נישט צום טאָן בא קיינעם; ווערן דיר גאַנצע פילאָזאָפן, איינטענה'ר: — אַהין גיי נישט, שטיי נישט, טו נישט! — נישט פאַרן אַרבע־טער־קאָפּ אַצינד — מע הערט? — אינדערצייט, ווען ס'איז דאָ איינונייצציקער וועג, דער אָנגעצייכנטער אַהין, — זאָל קיינס נישט דערוועגן טראַכטן מער! און גיין, וואו מע הייסט! —

אין ירחמיאלן האָט געברענט די רציחה אַפן „בונד"; און ער איז געווען גרייט אָפּצורויסמען די ביבליאָטעק; אַרויס אין קאַמף, און זי אַרויס־באַקומען, אַוועקנעמען פונעם וועג. וועלן חברים זיך־אַרויסשלאָגן די נאַ־רישקייטן פונעם קאָפּ, זיך־פאַרייניקן אַלע צום טאָן, דערלאַנגען אַ האַנט; ווייל, די צייט שטייט נישט, פאַרוואַרפט מיט אַרבעט איבערן קאָפּ... ירחמיאל האָט געהאַט צו הילף שקצים פונעם שטעטל, אין די גוישע געסלעך; פון אַרום שטעטל אויך. זיין גרופּע איז נישט געווען אַזוי קליין,

ווי מע האָט געמיינט. מע האָט זיך געדאַרפט ריכטן אַף ווידערשטאַנד; וויסן, אַז אַזוי גלאַטיק וועט עס נישט אָפּגיין... אין אַ באַנאַכט; האָט מען זיך אַריינבאַקומען אַהין, אַלץ אויסגערוימט ביז לעצט... אינדערפֿרי; האָט מען זיך באַלד געכאַפּט, אַז עס איז ירחמיאלקעס אַרבעט; גענומען גרייטן צום קאַמף. בלוט האָט זיך צעשפּילט, פֿאַרביסנקייט. דאָ איז געשטאַנען אין קאָן דער גאַנצער פּרעסטיזש פֿונעם פֿאַריין, די גאַרבער, סטאָלערס, די מאָלערס; אַלע, וואָס האָבן געהאָלפֿן בויען די ביבליאָטעק, פֿון יאָר צו יאָר, דערלייגט אַ בוך צו אַ בוך, זיך געפֿריידט אַף דער גרויס אירער, אָפּן וואוקס, אַליין צוגעלייגט אומעטום אַ האַנט; די בענק און טישן, די שאַפֿעס אויסגעסטראָיעט; אַ היים אַן אייגענע צובאַקומען, וואו דו רוסט אָפּ, מע קאָן הערן אַ וואָרט פֿון אַרבעט און קאַמף. ווער איז ער מיר דאָס, וואָס וועט זאָגן דיעות, ווי באַ־זיך צו פֿירן? — אַף צו בויען — איז ער נישטאָ. נאָר, ער וועט קומען, מיט איין האַנט צעשטערן די היים, וואָס איז מיט שווערער מי געוואָרן געשטעלט! — ער וועט דעם קאָפּ לייגן, דער ממזר. ער וועט נישט אויספֿירן.

נאַכט־באַ־נאַכט האָט מען זיך געשלאָגן אין די גאַסן פֿון שטעטל, מיט מעסערס, מיט דרענגער, פֿרענטעס אייזן. עס האָט געזאָדן די רציחה, דער ערלעכער צאָרן; און אַרבעטער־בלוט האָט זיך געגאָסן, ברודער־בלוט, בלוט פֿון חברים. — די ביכער גיב אָפּ, הינטישער זון!... — אַ מכה וועסטו באַקומען, אין די אויגן גלייך, וועסטו דערזעען ביכער!...

עס איז געוואָרן פֿינצטער אינעם שטעטל. שטאָטישע באַלעבאַטים, קהלס פֿאַרזאָרגער, האָבן זיך דערשראָקן; געמיינט — אַ סוף צו זיי איז געקומען! — און, פֿאַר אַלעם ערשטן, געלאָפֿן מסר'ן אין די הויכע פֿענצטער... די אונטערוועלט פֿון שמידאָוויץ האָט זיך גענומען דרייען אין דער מיט. איצקע מנוול מיט זיין חברותא; זיי זענען געיאָגט געוואָרן, ווי אַ טמאַ־זאַך, פֿון אומעטום, און תמיד געקראָכן צוריק, אַזש — מע האָט זיך נישט געקאָנט פֿון זיי אָפּטרייבן; זיי האָבן זיך אַצינד ווידער באַוויזן, פֿילבאַדייטנדיק געוואונקען, באַליידיקט חברטעס, און גענומען אי דאָ, אי דאָרט. צוגעזאָגט צו שווייגן — ווי אייגענע; מ'זענען דאָך אַלע ברי־דער אַרבעטער, בערל, שלומה, וועלוול; פֿון קינדווייז־אָן, צוזאַמען גע־

וואַקסן — שוין; מער קומען זיי נישט באַלעסטיקן... אַוועק שיקערן אין די שענקן. אויף מאָרגן — זיי זענען ווידער דאָ. מע דערקענט זיי נישט אין די צורות. —זיי דאַרפן געגוויטיק האָבן, דרינגענד...

איין באַדערנאַכט; האָט זיך זיי איינגעגעבן, די לייט, צו פּאַקן ירחמי־אלן. ער איז געווען אויסבאַהאַלטן הינטער שמידאַוויץ, אין ערגעץ. דער־הערט, אַז ביילקע האָט געקריגן אַ קלאַפּ, בעת אַ געשלעג אין גאַס, און זי האָט זיך געוואָרפן אינדערמיט, געוויינט און געשלוכצט, אַז אַרבעטער־ברידער טוען זיך אַזוי באַפאַלן, און לעסטערן די אידייע, פאַרשעמען אונז אין די אויגן באַ דער וועלט... זי האָט געחלשט פונעם באַקומענעם קלאַפּ, און דאָס איז געווען דער סוף. מע איז, פּלוצלינג, געקומען צו זיך. באַ אַלעמען, ווי אַנטפּאַלן די פאַרבלענדזעניש. מע האָט זיך דערקאַנט, דער־זען אַזוי נאָענט, שרעקלעך־ווילד, צערייצט, און — זיך־דערשפּירט פאַר־לוירן פאַראַמאָל; און, נישט געהאַט, וואו אַהינצוטאָן די אויגן, פאַר שאַנדע און פאַרדרוס; כאַטש, גיי, אַ לעבעדיקער, אין דער ערד אַריין... מע האָט איר אָפּגעפירט אַהיים, געלייגט אין בעט אַריין, געוואַכט איבער איר, חברים, חברטעס, באַטאָג, באַנאַכט. אַז ער האָט דאָס דערהערט, ירחמיאל, האָט אים געצויגן, ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן, איז ער אַריבער־געקומען געוואָרע־ווערן, וואָס זי מאַכט. אַז זי האָט אים דערזען; האָט זי גאַרנישט געזאָגט, אַזוי שוואַך איז זי געווען. זי האָט אים אָנגעקוקט, נישט מער, און בלייך געשמייכלט... און ער, דער שטאַרקער, דער פאַנאַ־טיקער, איז געשטאַנען פאַר איר, ווי אַן אָפּגעשמיסן אינגל; אַליין נישט געוואוסט, אין וואָס מע באַשטייט דאָ איר כּוח... מע האָט זיי געלאָזן אַליין דאָן, די חברים; נישט געוואָלט שטערן. אין דעם, זענען זיי אָנגעקומען, יענע לייט; זיי האָבן אים געהאַט אויסגעשפּירט אויף זיכער, נישט גע־מאַכט קיין טעות, אָפּגעוואַרט די מינוט. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין שהיות, אים צוגענומען און אַוועק... אַ ודאי, ווען זי זאָל געווען קאָנען, ביי־רע, וואָלט זי אים איצט נאָכגעגאַנגען, ירחמיאלן; אַליין נישט לאָזן אין מערדערס הענט. אַזוי; איז זי געבליבן ליגן, אַ פאַרשטאַרטע, פאַר שרעק.

מע האָט באַלד געוואוסט אין שטעטל, וויאַזוי ירחמיאל קאָוואַל איז פאַרשיקט געוואָרן אין אָסטראָג, אין אַ צווייטער שטאָט, אויף דריי יאָר

צייט... און עס איז געווען; שמידאָוויץ אַליין, דאָס באַלעבאַטישע, האָט זיך דערפריידט מיט דעם, דערלעבט אַ מפּלה אַפן היצל, פאַרשפּאָרן אויפ־בראָדזשען דאָס שטעטל; אַזוי האָט מען זיך גוט אָנגעפריידט, אָפּגעפריידט און אין דעם פאַרגעסן... אַנדערש איז דאָס צוגעגאַנגען מיט חברים־אַרבע־טער; אייגענע אפילו, פון דער גרופּע. דאָ, האָט מען שוין נישט נאָר גע־דענקט אין אים, ירחמיאלן. אַז עס איז אַריבער דער טומל. אַלץ האָט זיך איינגעשטילט אינעם שטעטל, פּונקט ווי קיינמאָל נישט געווען גאָר; ערשט אַצינד איז געבליבן צייט גענוג צו טראַכטן, נאָכצודענקען, פאַר־וואָס און פאַרווען; צי, עס האָט, בכלל, געלוינט אָט דער גערודער, און פאַר וועמען. חברים־אַרבעטער האָבן זיך אַליין גענומען שטעלן, אַלץ אָפּ־מער, די אייגענע פראַגע, ווייל זי האָט געעגבערט באַ איטלעכן אין מוח, נישט געלאָזן צורו — צי איז דאָס דער וועג? צוליב וואָס דער גאַנצער פיבער? אויב, צוליב דער וועלט; טאָ, פאַרוואָס וואַרפט זי זיך אָפּ דערפון? און זי ווערט זיך מיט הענט און מיט פיס קעגן דעם אַרבעטערס טענה — אַז ער טרעט דאָ אַרוים פאַר איר אייגן גליק?! — ווען וויבאַלד אַזוי; ווען מע פרעגט באַ אונז, פאַרוואָס ברענען מיר אַ וועלט — אַז זי, די וועלט אַליין, איז מוחל איר באַפרייונג; טאָ, פאַר וועמען־זשע קעמפט דער אַר־בעטער־מענטש, אַז נישט פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגן פּלאַץ אונטער דער זון; איז — צוליב וואָס אַזאַ צעריסעניש באַ זיך, פאַרביסענער האַס, די פּלאַמיקע שנאה, דער אויסראָטונגס־קאַמף? — מע זעט דאָך שוין אַליין, ..רודער, אָן דעם צוזאַמענרייד, אָן גערולד וועסטו גאָרנישט מאַכן. דעם אַרבעטער מיט בייזן וועסטו נישט נעמען. דו, רעד מיט אַ טאָלק, און מיט ליבע, ווי צו אַ חבר, ווי צו אַן אייגענעם מענטש. דו ווייסט דאָך יאָ, ווי זיין קאָפּ, דעם אַרבעטערס, איז דערשלאָגן; בלויז מיטן הארצן, אַמאָל, דערפילט ער, וואו דער אמת שטעקט... לאָז־זשע נאָכטראַכטן אַצינד, צע־נעמען איטלעכס וואָרט, פאַרשטיין עס, דערפילן — אַ ל ע ב אַ ז אַ מ ע ן. הערסט — אין דעם באַשטייט דיין קראַפט. אַרבעטס־מאַן; ווידער גע־שטאַרקט ווערן, ווי געווען; געאייניקט, ווידער אַרוים אין קאַמף. ווייס, עס איז נאָך נישט שפּעט — קיינמאָל נישט שפּעט!

* * *

וואָס־זשע האָט געטאָן ירחמיאל דאָרט, אין טורמע, די גאַנצע צייט? — די דריי יאָר. ער האָט זיי, אַ ודאי, דורכגעברענט מיט זיין אימפּעט, מיט זיין ווילן. ער האָט אַלץ נישט איינגעזען, וויאַזוי ער האָט געפּרואווט דוחק־זיין דעם קץ; אַזוינע זיין ברודער־אין־קאַמף, אַמאָל — מענדל דעם רבינס; און איז, ווי יענער, נכשל געוואָרן „אַצינד. ער האָט גאָרנישט אָנגעהויבן חושד־זיין דערפון. ער האָט אַלץ געגלויבט, אַז זיין אויסגעקליבענער וועג איז דער גלייכסטער. וואָס פירט טאַקע שנעל צום ציל. נישט וויכטיק אַצינד, וואָס ער איינער איז דורכגעפאַלן, איז אַריינגעפאַלן דאָ, אין דער קוטשע, וואָס זיצט מיט פאַרלייגטע הענט, ע ר — מיט פאַרלעגטע הענט; כאָטש נעם און צעשלאָג דעם קאָפּ אָן דער וואַנט; אין דער צייט, וואָס אינדרויסן קערט זיך וועלטן, עס ברענט די אַרבעט, אונטער דער ערד, א ו נ ט ע ר ד ע ר ע ר ד; און עס לויערט דער שונא אומעטום, פון איטלעכס ווינקעלע, דעם פאַרעטערס פינצטערער בליק; און עס איז אַזוי נויטיק איצט דעם אַרבעטערס האַנט, די געטרייע, די שווערע, אַזוויווי אַ דעמב, צו באַשיצן אַ ברודער פון געפאַר... איז, ווען ער זאָל זיך דאָס קענען אַ ריס־טאָן פון דאַנען, פון דער געפאַנגענשאַפט, אַרויס אויף דער פריי! אַ האַלב לעבן דערפאַר וואָלט ער איצט אוועקגעגיבן... נאָר, נישט וויכטיק; נישט אין דעם גייט עס — וועגן אים. וויפל מאָל האָט ער אַליין דאָרט איינגעטענהט, אין דרויסן, מיט חברים, ווי מע האָט אים געלערנט — נישט צו מאַכן קיין ווען גאָר קיינמאָל פון זיך אַליין, פון אייגענעם ווייַ און פּיין און בענקשאַפט — אינדערצייט, ווען אַ וועלט ברענט, שטייט אין ליידן און שטיקט זיך. נאָר אַ פריילעכע מינע זאָלסטו ווייזן פאַר אייגענע, פאַר חברים, פאַר דער גאַנצער וועלט. ווי אַ פרייד איז אויף דיר, וואָס פאַר אַ גליק עס האָט דיר צוגעטראָפן, וואָס דיך האָט מען אויסגעזוכט, אָנגערופן באַם נאָמען, ווי דו הייסט; געזאָגט, זאָלסט אונטערשטעלן אַ פּלייצע, העלפן שלעפּן דעם וואָגן — היידאַ, געגאַנגען!

אַלץ, וואָס ירחמיאל האָט זיך געהאַט אָנגעהערט דאָרט אויף דער פריי, נאָך פון קינדוויַיז־אָן, און שפּעטער, צווישן נאָענטע חברים און ווייטע, — איז דאָס אים אַצינד, אין זיין אומגליק צו זיין אַליין, גוט צונוץ־געקור־

מען, צו דערהאַלטן אים בא זיין פּעסטקייט, נישט צולאָזן צו קיין צווייפל, קיין שום פאַרדאַכט — אַז דאָס גייט ער אַליין, אַפן ראַנד בא אַן אָפּ־גרונט; ער ברענט פון זיך און דערנערט זיך מיטן לעצטן ביסל פייער, וואָס ער פאַרמאָגט; און דערנאָך קאָן קומען דאָס אומפאַר־מיידלעכע, א לערקייט לאָזט זיך אַראָפּ, א כאַאָס קומט איבער דיר, דער צוזאַמענבראָך.

ירחמיאלן איז אַלץ שווערער געוואָרן צו זיין אַליין. עס האָט אים גע־שטיקט און געוואָרגן. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָ האָט זיך אַלץ פאַרלייגט אַף זיין לעבן, מע וויל אים אומברענגען. נאָר, ער האָט זיך נישט געלאָזט. איינמאָל — ניין. — פאַרקרעמפּעוועט די ציין, פעסט באַשלאָ־סן — זיך ניט אונטערצוגיבן... וואָס ווייטער די צייט איז געגאַנגען, אַלץ מער האָט ער זיך אָפּגעזונדערט פון אַרומיקע, כל׳ערליי שוואַרציאָרן, ווער וויים זיי; נישט געלאָזט זיך אַריינציען אין מאַכינאַציעס, דריידלעך, שטור־קעס, אַלע מיני שמד־שטיק, אויסן נאָר צו פאַרפירן, אַריינכאַפּן די לאַפּע אין דער פּאַסטקע — מע האָט דיך געפּאַקט, ברודערל!

— נישט מיך, פעטערקע, זייט מוחל. זיך אַ ודאי, טועה געווען!...

און שוין. נישט מער. נישט געטענהט קיין איבעריקס. ער איז איינ־גאַנצן אַריין אין זיך. ווי א שנעק, זיך איינגעשלאָסן אין די מושלען; ווי א קראָט, זיך באַגראָבן אונטער דער ערד. ווי א געפאַנגענער אָדלער, פון שלאָף, וואָס דערשפּירט פרייע לופט, און נעמט פּאַטשן מיט די פליגל, ביז ער דערוואַכט. ער האָט שוין געציילט די טעג און די שעה, ירחמיאל; זיך אַלץ פאַרגעשטעלט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אין דרויסן טוט זיך חושך; זי קומט שוין, די באַפרייונג, מיט שטורעם, און מע קעמפט אין די גאַסן; דאָ, ווי אין שמידאָוויץ, אַלציינס. זיינע חברים פון דער גרופּע. אָ, ווי ער האָט געגלויבט אין זיי, איינס־אין־איינס, ער וועט אייך נישט אוועקשענקען קיין איינעם — ביז בלוט! — ...אין זיין אָנגעהיצטן מוח, האָט ער זיי געלאָזן לויפן פאַר די אויגן — צעשטורעמטע, פריידיקע, צע־שטראַלטע. מיר קעמפן, און מיר לויפן צו דיר, ירחמיאל, דיך באַפרייען. צוזאַמען מיט אונז, ברודער, וועט קומען אויך דיין באַפרייונג. וועסט נישט דאַרפן אָפּזיין די צייט.

* * *

אז ירחמיאל איז אויסגעווען די צייט אין אַסטראָג, אין דער ווייטער שטאָט; האָט מען אים אויסגעשריבן און אַפּגעשיקט מיטן עטאַפּ קיין שמידאָוויץ. שוין דער וועג, אַ לאַנגער און אַ מאַטערנדער, האָט אים געריסן די אויגן. ער האָט זיך ארומגעקוקט מיט חידוש, אומעטום. קיין זאַך האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. איינגעשלאָפן אַלץ; געפּלעפּט. נישטאָ זיינס... אָ, ער האָט גענומען קומען צו זיך. אַ גרויל איז אים אדורך, אָנגענומען מיט דער בראַנדיקער, מיט דער שטאָלענער צוואַנג פאַר זיין אָרעם הארץ, עם אונטערגעהויבן אין דער לופטן, געקערט מיט דעם אַף אַלע זייטן, עם געזשארעט אַף צעגליטן אש. ער האָט, צום ערשטן מאָל אין זיין פיל־געפּרואוווטן לעבן, זיך דערפילט, מיט אַן אמת, אַליין; און ער האָט, מיטיינמאָל, זיך־געטאָן אַ הויקער־איין פונעם שרעקלעכן כמאַליע, וואָס ער האָט באַקומען; פונעם שווערן קלאַפּ, וואָס עס האָט אים דערלאַנגט די פּלוצטהאלבן־אַף־אים־אַראָפּגעלאָזענע משא, ווי אַ באַרג. זי האָט אים געשטיקט אונטער זיך; נישט געלאָזן קומען צו זיך. צו וואָס? פאר וועמען? — ער, ירחמיאל דער קאָוואַל, האָט גענומען נאָכגיבן.

אין דער היים בא זיי האָט געוואַרט אַף אים ביילע; אַזוי פאַרמאַרדעוועט איז זי געוואָרן; זי האָט אים געמאָגט אָנשטיין איצט, ווי אַ מאַמע. איר שמייכל איז אַלץ געבליבן דער זעלבער, אַ וואַרעמער, אַ שטילער. אַצינד איז ער געווען אָנגעלאָדן מיט אזא בלישטשנדיקער פּיין... אַ רגע, און ער האָט פאַרגעסן, ווער איז דאָ דער שוואכער, געקומען זוכן הילף. וואָס טוט זיך דאָ? זי גייט דאָך אוים אונטער מיינע הענט?!.

נאָר ווען זי איז געקומען צו זיך; זיי זענען שוין ווידער געווען אַליין, ווי דענצטמאָלט באַדערנאַכט, איידער דער בייזער קאָשמאַר האָט זיי אָפּגעריסן און צעטיילט אַף דריי יאָר צייט; האָט זי שוין גערעדט צו אים אין דער שטיל; ווי אַ קינד, איינגענומען, באַרואיקט...

— ביזט מיד, ירחמיאל. דאַרפסט אָפּרוען. מיר אַלע זענען מיד. אַזויפיל איבערגעקומען. פאַרמאַטערט געוואָרן, די חברים, אַלע, צוגעשטאַנען. וואָס קומט אונז דערפאַר?

ער האָט געשוויגן, אָנגעבויגן דעם קאָפּ. זי האָט ווייטער געזאָגט...

— ...וואָס זאָל מען טאָן? אַ צעמישונג אין דער וועלט געקומען.

אלע, מיר גייען אום פארלוירן. געבליבן געטריי, די חברים; מיר גלויבן איר ווייטער, דער באַפרייונג. ווי אַ מאַמע, וועט זי קומען, מיט פרייד און געוויין באַזאַמען... נאָר איצט, אַז אירע טריט האָבן זיך פארהלשט, ער־געץ אינמיטן וועג, צו אונז, — אַף וואָס שטייען מיר, מיט פארלייגטע הענט, און וואַרטן? אלע צוזאַמען, ארויסגיין איר אַנטקעגן, זי זוכן...

— אָ, ביילע, זאָג, וואָס ווילסטו טאָן? וואָס שווייגסטו, רעד!

—לערנען, ירחמיאל. פארשטיין, פארוואָס האָט די ליבע מאַמע פאַר־האַלטן איר טראָט, קאָן נישט קומען. מיט וואָס האָבן מיר, די קינדער, טעגן איר זיך פארזינדיקט... מע וואַרט אַף דיר, ירחמיאל, אין „בונד", אלע חברים. זענען זיכער, אַז דו וועסט צוריקקומען. זייער גלויבן אין דיר איז אַזוי גרויס. אונזער ירחמיאל, זאָגן זיי, וועט אונז נישט איבערלאָזן אליין. ירחמיאל וועט שטענדיק בלייבן ירחמיאל. אָ, ווי זיי זענען שטאָלץ אַף דיר. און איך בין אַזוי גליקלעך...

מער האָט זי שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך־צעגאָסן אין געוויין. ער האָט איר גענומען אַף די הענט, און געוויגט, אַ גאַנצע נאַכט; ביז, דער ווייסער טאָג איז געקומען, אים געמאַכט ליכטיק ארום־און־ארום. ער האָט געקוקט אַף איר, ווי זי האָט געשמייכלט אינעם שלאָף. אין זיין האַרץ האָט צוריקגעקערט די רו. מע וועט זיך ווידער לאָזן אין וועג אריין. ער איז געווען זיכער, אַז מיט ביילען וועט ער דערגיין.

דעם טאטנס געשטאלט

אין טייך זענען דאָ אַלע מיני פיש. ווען דער אַלגעמיינער שטראָם איז געגאַנגען, האָט ער אַלעם מיט זיך מיטגעצויגן. דאַן האָט די שטעטל־שע יוגנט געוואוסט, פון איין עק ביז צום צווייטן עק, וויאַזוי מע דאַרף זינגען און פּרעפּלען און פילאָזאָפירן אַף דער פרייהייט. די באַלעבאַטי־שע יוגנט, דאָס רוב — טאַטישע זינדלעך, האָבן, אין יענעם דערהויבע־נעם מאָמענט, געפּרוואוט פארגעסן, ווער וועמעס עס איז; מע איז אַוועק אין ארבעטער־געסל, זיך־דורכגעשפּאַרט אַף פונפאַרנט, ברייטע עלנבויגנס האָט מען, דאָס געשליפענע צינגל, מע מוז נישט קריכן אין קעשענע נאָך אַ וואָרט, עס איז דאָ שטענדיק גרייט, ווען מע באַדאַרף עס. לאָזט אונז, ארבעטער־לייט, וועלן מיר אייך אויפקלערן גענוי, וואָס פרייהייט באַ־טייט; סאָציאַלע פרייהייט, נאַציאָנאַלע באַפרייונג; וואָס איר ווינטשט און וואָס איר דאַרפט. מיר טוען דאָס גאַנץ אומבאַלוינט, אוים איידעלער געריכטקייט פון אייערע ליידן, אוים נאָבעלן צאָרן אַף אייערע באַדריקער...

שפּעטער, אַז דער אַלגעמיינער שטראָם האָט זיך גענומען צוריק־ציען פונעם שטעטל. אוים מלחמה און רעוואָלוציע. די יוגנט האָט גע־דאַרפט קומען צו זיך. דער ארבעטער איז אַוועק צוריק צו זיין היים, לערנען, פארשטיין. זיינע איז די ערד פון שטעטל, זינט דורות. אַף איר וועט ער וואַקסן און לעבן און וואָרטן, האָבן געדולד. מיט איר וועט ער אויסצייטיקן אַמאָל די פרייהייט. זי מוז קומען. ער פילט אַזוי, און ער גלייבט... און דער באַלעבאַטישער זונדל, אַ טאַטנס אַ קינד, האָט געמוזט צוריקגיין אהיים, צו זיין ווינקל, פארטוישן דאָס באַפליגלטע וואָרט פון פרייהייט און קאַמף, זיין נעכטיקן שוואונג — אַף היימישער טואונג, זינט

אָבות־אבותים, אַ תכלית, אַף קיום־המין. עס האָט געאיבלט, אַזויווי נאָך אַ שיכרות, אַ פּלוצלינגע אויסניכטערונג, אַ ליידיקייט, אַ פאַרלוירענעם גלויבן; אַזויווי אונטערגעהויבן אינדערלופטן, אָן ערד אונטער די פיס. וויאַזוי לעבט מען? און דאָ ארום שטיקט אַלץ צו צום גאָרגל, נישט איר־בערצוטראָגן. עס בלייבט איבער איינס צוטאָן: — זיך־צעלויפן; ווי די מייז פון אַ זינקענדער שיף, צי פון אַ הויז, וואָס ברענט; צעלויפן אור־מעטום, אָן אַ טאָלק, אָן אַ זין, ווי איינער קען. אַנישט, איז — זיך־גלאַט אָפּלאָזן, נעמען זשומען, זיך צעהפקרעווען, אליין פאַרדולן דעם קאָפּ; ווייל, די אייגענע הויט איז דיר נעענטער, ווי אַלץ; זאָל קומען, וואָס עס ווילט זיך. טו, און טראַכט נישט.

אין טייך זענען דאָ אַלע מיני פיש; ווי אין איין גאָרטן — פאַרשיי־דענע בלומען. פון צווישן דער באַלעבאַטישער יוגנט פון שטעטל האָט זיך גענומען אָנצייכענען איינער, וואָס האָט געקאָנט באַנוצן דאָס וואָרט; גע־וואוסט, וויאַזוי עס אָנצינדן בא יענעם אין הארצן. ער איז געגאַנגען אור־מעטום, אין די אומרואיקע יאָרן, וואָס דאָס שטעטל האָט דורכגעמאַכט; ער האָט זיך איינגעהערט צו מענטשנס רייד, אויפגענומען געפילן, בא־טראַכטונגען. עס האָט לאַנג געדויערט, ביז ער פלעגט דאָס געהערטע צע־קייען, פאַרדייען, איבערקאָכן, געמאַכט עס פאַר זיינס,אייגנס. ער איז, אוים דער נאַטור, נישט געווען קיין שעמעוודיקער; פאַרקערט, אַ דרייס־טער; און עס האָט אים געשטויסן, אַ ודאי, אינערליך צו טאָן־עפּעס, עס ארויסברענגען פאַר לייטן; ער אַליין האָט נאָך רעכט נישט געוואוסט — אין וואָס דאָ גייט.

ער האָט זיך פאַרהאַלטן אַפן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. אַליין, איז שוין דאָס נישט געווען קיין נייס אין שמידאָוויץ. נאָך פון די צייטן פון מענדל־דעם־רבינס. האָט נאָך דאַן אָנגעמאַכט אַ רעש אינעם שטעטל דער פאַל מיט סענדער דעם מלמד אין דער תלמוד־תורה. ער איז דאַן ארויס אינעם אַלטן קאַצקער קלויז, אין אַ שבת־אינדערפרי, זיך־אָנגענומען מיט מוט און מעבכב־געווען די קריאה. ער האָט אַ קלאַפּ־געטאָן אינעם בעלעמער אין, נישט מיט זיין קול, אויסגעשריגן: — אידן, אַ היים׳ט! — מער האָט ער נישט געקאָנט, עס איז בא אים אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון, ער האָט

נעמאָן אַ פאַל־אַנידער, אַ געהלשטער... נאָר, נישט מיט דעם האָט זיך עס איבערגענומען. עס האָט געיוירן די אידייע, און אַלעמאָל אָנגענומען אַ אַנדער צורה... איצט, אין די יאָרן פון נאָך־מלחמה און רעוואָלוציע; ווען אומעטום איז דורכגעלאָפן, ווי אַ רויטער שטראָם, די פרייהייט און אַלץ גערעגט צו עטוואָס דראַסטישעס און אומגעווײנטלעכס, — האָט ע ר, יענער שמידאָוויצער פירער, געפועלט באַ זיך — אַזוי גרויס, מסתמא, איז געווען זיין גלויבן אין דעם אמת, וואָס האָט אים באַהערשט — אַז ער טאָר נישט לאָזן צעפאַלן־ווערן באַ דער יוגנט פון זיין גראַד דעם גלויבן אין זיך, אין דעם אייגענעם כוח און באַרוף — זיך־איבערצופורעמען, באַנאַנד מיטן גאַנצן שטאַנד, אין דער היים, אין דעם אייגענעם לאַנד, אויף די גרונטן פון גערעכט און פרייהייט, אויף די אור־אַלטע יסודות פון אידישן אמאָל... נאָך נישט אַזוי קלאָר, ווי סע רעדט זיך, איז דאָס אים אַליין אָנגעקומען, באַלד באַם אָנהויב. נאָר, באַם אריינוואַרפן־זיך, מיטן גאַנצן הארץ, אין דער אַרבעט, ווען ער האָט שוין נישט געוואוסט מער פון קיין רו, אַליין אָן־זיך פאַרגעסן, גערופן און געוועקט די יוגנט צו גלויבן און טאָט, — דאַן האָט ער גענומען וואַקסן אין דער טיף, מע האָט עס געזען, באַנאַנד מיט זיין אידייע, מיט דער אויסגעשמידטער יוגנט; זיך־דערהויבן, ווי באַנייט צו אַ לעבן אַ נייעם, אַ באַשטראַלטס; וואָס דאַרף פירן, דורך אַ וועג אַ שווערן, אַן אומזיכערן, ד ו ר ך ד ע ר וו ע ל ט — צו זיך אַהיים.

* * *

זיין היים, יענעם חברס, איז געווען אָפן און פריי פאַר נאָענט און וייט. מע האָט פאַרבראַכט דאָרטן די אָוונטן, די טעג, דיסקוטירט, באַהאַנדלט פראַגן... זיין חברטע, אַ ליבלעכע, אַ שטילע, איז דאָס געווען גערן. אמאָל, אַז די צייט האָט איר דערלויבט; האָט זי זיך צוגעזעצט אַליין, אריינגעוואָרפן אַ וואָרט. מע האָט געזען גלייך, אַזוי האָט זיך עס געוואָרפן אין די אויגן, ווי זי איז שטאַרק באַאיינפלוסט פונעם מאַן; און ער מאָג זיין זיכער מיט איר, אַז זי שטעלט נישט אָן אים קיין טראָט.

ער אליין, דער חבר, האָט כמעט שטענדיק געפעלט פון דער היים. אים האָט אומגעטראָגן די ארבעט פאר דער זאך, נישט געלאָזן רוען. מיט די, וואָס באזוכן זיין הויז, איז ער געווען רואיק; געוואוסט, אז, פריער צי שפּעטער, זיי וועלן זיין זיינע. שלעכט איז מיט יענע, וואָס האלטן זיך פונגוויטן, און מע מוז זיי לויפן זוכן... ער איז געווען אזויפיל פארטאָן אינעם געיעג אף געגאָסן, אז ער האָט פארגעסן וועגן קלערן פון דער אייגענער יונגער חברטע, וואָס זי קוקט אים נישט אָן גאנצע טעג... עס איז, אָבער, אמת, אז, זעלטן־ווען, באַם אוועקגיין, זאָל ער איר לאָזן אליין, אָן עמיצן פון די אָפּטע אריינקומער. ווייבאלד אזוי, מוז איר שוין נישט זיין אומעטיק... קיינמאָל נאָך, ביז אצינד, האָט זי זיך נישט פארקלאָגט פאר אים דאריבער. זי מוז אים פארשטיין, אז דאָס, וואָס ער טוט, איז אזוי גרויס און וויכטיק. מע איז נישט מער באַ זיך אין די הענט. די אידייע, זי פירט אום, און דו גייסט איר נאָך אומעטום; זע, ווי זי זוכט, זי נישטערט באַ יענעם אין הארץ, זוכט פייער, זוכט ברען, לעצטע רעשטן גלויבן — אז זי זאָל דאָס קענען צעבלאָזן אין העלישע פלאַמען, העלפן באלויכטן די פינצטערניש. שטיי־זשע נישט מער מיט פארלייגטע הענט, טראכט־נישט מער פון זיך, פון קיינעם מער, ווארף אוועק דאָס טראכטן גאָר, דאָס נאָכדענקען, העלף טאָ דאָס, וואָס די אידייע הייסט — זוכן פייער, ליכט אין דער פינצטער. איז דאָס פאר דיר וווּנציק, גליקלעכער מענטש, וואָס דו ביזט? און פאר דיר, חברטע מיינע, איז דאָס ווייניק, וואָס איך טו?...

* * *

צו יענער צייט, האָב איך מיך שוין געהאַט פירגענומען, גאַנץ ערנסט, צו ווערן די אויסדערוויילטע פרייע קינסטלערישע פערזענלעכקייט פונעם שטעטל. דעם אמת וועגן זיך מאָג מען אויסזאָגן, אָנרופן אַ זאַך באַם נאָמען, בפרט — צווישן אייגענע. איז, באַ זיך גופא האָב איך שוין געהאַט אַסאַך זאַכן אויסגעפּועלט, און עס איז מיר נישט שווער אָנגעקומען. איצט, האָט מען זיך באַדאַרפט אַ נעם־טאָן צום שטעטל... אז איך בין געווען יענער געשייטער קערל, דער אומדערטרעגלעכסטער איפּכאָ־מסת־

בראַניק, צו־להכעיסניק, דער שפּרינג־אין־פּנים, דער אָפּשרייער, פּאַרשריי־
ער, פּאַרטומלער, דער אַליינוויסער און אַלצווייסער פּאַראַמאַל. איך האָב
נישט געדולדעט מער דאָס פּאַרבלייבן שטיל אַ מינוט; און איינזיצן ווען
אין דער אייגענער היים, וואו איך זאָל פּרואוון אַ טראַכט־טאָן איבער
זיך אַליין, דיין נעכטיקן טאָג, און דער היינט; דער וועג אַף מאָרגן. אָ, ניין.
איך האָב נישט באַדאַרפט קיין היים מער. אַן עסק דאָרט פּאַר ליידיק־
גייער, סתם־מענטשן, זיך־אָפּגיבן מיט דער זאָרג, מיט דער בויאונג, מיט
די אַלע זיבן גליקן, און אומצייליקע קלייניקייטן, פונוואָס אַ לעבן לייגט
זיך אַליין נישט צונויף, ווי באַ לייטן — נישט פאַר מיר, זייט מוחל! מיט
איין שטריך ווערט דאָס אַלץ אָפּגעמעקט, באַזייטיקט. מיך פּירגענומען צו
לעבן פרייַ, ווי אַ פויגל אַף גאָטס וועלט. פריי פון זאָרג, און פון אייגע־
נער היימישער פרייד אַפילו. ווען, צואוואָס באַדאַרף מען דאָס, אַז עס
איז דאָ אַ וועלט פאַר דיר, אַזאַ ברייטע, אַ גרויסע, אַזאַ פרייע, מיט אַזוי־
פיל מענטשלעכע היימען, לייד און פרייד. און דו, דער וועלט־בחור, לייב
שקראַפּיל דער איד; אַ ווירדיקער זון פון דיין אַלט־בחוריש אויסדערווײַלט
פאַלק; קאָנסט אומלעטן, אומפאַדען אומעטום, זיך־וואַרפן אין די אויגן,
זיין אַנדערש, אָריגינעל. אַלט ווי די וועלט, אָבער — אייביק־יונג, אומ־
שטערבלעך; דאַדורך, ציען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אַף זיך — אָ,
דאָס איז דער עיקר! — זיין די גרעסטע סענסאַציע פון טאָג אַף דער
וועלטס פּערמאַנענטער אויסשטעלונג פון לעבן און קאַמף; בכלל, אַף אַלע
ריזיקע לייוונטן פון מענטשנס אָנשטרענגונג און פרייען דערהויבענעם
פּאַרמעסט. אומעטום, דו — דער ערשטער, דער גרעסטער, דער בעסטער,
דער שטאַרקסטער, שיר נישט דער איינציקער, דער העכסטער, און פון אַלע־
מען — דער קליגסטער. דו, מיט דיין אַלטן ריזיקן צערייצטן מארך אַף
די דאַרע אַקסל, וועסטו זאָרגן די זאָרג פון דער גאַנצער וועלט. איר לער־
נען, וויאַזוי צו פּאַרטראָגן די פּיין. און דעם שוואַכן, וויאָרום גובר־צו־
זיין דעם שטאַרקן און דעם אומגערעכטן... און דו אַליין, אַז די שעה די
באַשטימטע וועט קומען — זאָלסטו מאַרשירן אין שפּיץ פון דער געבראַנד־
מאַרקטער, אין־יסורים־געפּרוּאוווטער און אויסגעלייטערטער וועלט, אוי־
בערן וועג צו דער לעצטער באַפרייונג, לעצטן עטאַפּ פון דערלייזונג. די

אלטע היימען צו צעשטערן, און אף די חורבות נייע צו בויען. נייע היי־מען, מיט געזאנג; זאל דאס זיין דאס געזאנג פון דיין הארצן געקומען. אליז — דו, אומעטום — דו; מיט דיר זאל זיין פול די ערד; דער אטעם פון דער וועלט; דער געשריי אינעם טאג, צי אין דער נאכט. —

— און פאר זיך אליין — וועלט־חכם איינער! — א קליין שטיקע־לע היים, ווי בא לייטן; א שטראל אין דער גרויזאמער לאנגער נאכט — דארויף האסטו קיין שכל נישט, אומגליקלעך, וואס דו ביזט!...

* * *

א, מיין היים איז די גאנצע וועלט! — האב איך, צו יענער צייט, געפילדערט, פארשלאגן דעם חבר דעם קאפ, נישט געלאזן, דארט אין שטוב, קיינעם אויסרעדן א ווארט... מע האט גענומען מיך אויסמיידן; געהיט זיך פון פארטשעפען מיך, פארפירן א רייד... פאר מיר איז דאס געווען שלעכט. אן רייד איז מיר געווארן ערגער, ווי דער טויט; א שטיי־גער, ווי אן לופט. איך האב געמוזט זוכן א וועג, וויארום זיך־ארויסצו־שלאגן.

איך האב גענומען איינזעען, וויאזוי די חברטע פון הויז איז געוואָרן מיין שמועס; און מערער נאך — זי קוועלט, זי לעבט אפ. פריער, זיך נישט אפגעגיבן אליין קיין רעכענונג דערפון... איז דאס ניט אמאל ב א־ק ל ע ר ט פון איר זייט; געצילט אף דעם אייגענעם מאן, איר חבר; וועקן אין אים אומרו, זאל זיין א ווארענונג... איצט, אין מיין פארבלענ־דזעניש מיט זיך, איז דאס מיר נישט אנגעגאנגען מער. איך האב מיך א קער־געטאן צו איר מיט מיין גאנצן הארצן, ווי נאך א רעטונג, א טרייסט, נאך אן אויסוועג. איך האב נישט געוואלט ליידן, מע זאל אונז שטערן. מע האט אונז נישט געשטערט קיינער מער.

אצינד, זענען מיר אפטער געבליבן אליין... און, עס איז געווען, צום ערשטן מאל, ווען דאס האט פאסירט; און איך האב אליז גערעדט, מ יי־נ ע רייד, מ יי נ ע זאכן... האט זי אזא קוק־געטאן צו מיר, א נאענ־טע און א שטיפערישע, באלד אוועקגעכאפט דעם בליק, ארונטערגעלאזן

צו זיך אפן שוים, אף אירע הענט... אז איך בין פאריינמאָל געבליבן שטום. מיינע רייד זענען געליימט געוואָרן בא מיר אין מארך. איך האָב צוריק־געקוקט אף איר. מיט געפערלעכן הארץ־קלאפּ, צום ערשטן מאָל, באַמערקט, אַז זי איז שיין פּרעכטיק. וויאַזוי זי צאַפּלט אינגאַנצן נאָך ווע־מעם באריר. באַגערט, מע זאָל פון א י ר רעדן, נישט ווערן מיד, איר באַזינגען, לויבן. מע זאָל פון א י ר רעדן אָן א ברעג, און — מער וויל זי פון קיין זאַך אין דער וועלט נישט הערן.

אזוי, האָט זי דאָס געפּאָדערט, אַן אומרואיקע, נערוועזע, א פלאַ־מערנדע אינגאַנצן. מע האָט געזען, וויאזוי זי האָט אויפגעטויכט אין ליכט, זיך־צעשטראַלט, ווען זי האָט געלאכט פון ריינעם הארצן, ווי א קינד. אָבער, זי איז גרייט געווען, צו דער רגע, זיך־פּארקערן אין א טייפלשער פּאַנטערע, ווען מע שטערט איר. אָ, זי איז שוין געווען דעצידירט נישט צוריקגיין מער.

זי איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אומבאַרירט פאר מיר, דעם חברס פרוי. אונז האָט קיינער נישט געשטערט. אין א פאַרנאַכט איז דאָס געווען, אום ווינטער. מירביידע זענען געשטאַנען באַם פענצטער, געקוקט צום פאַר־שנייטן דרויסן. זייער הויז איז געווען נאָענט פון א טייך, און מענטשן האָבן געדארפט אריבערגיין א בריק, צו גיין ווייטער. אונטערן אָנגעשאָ־טענעם שניי, הארט בא דער בריק, האָט זיך אויסגעשליפן; א פּנים, פון זיך אַליין; א קיילעכדיקע אייז־גוליע, אז ווער עס האָט דאָרטן געשטעלט דעם טראָט, גאַנץ־אומשולדיק, האָט זיך איבערגעקערט, געבליבן ליגן אויס־געצויגן נאַזענדיק אפן שניי. דער וועג צו דער בריק איז געווען א בריי־טער; מע האָט געקאָנט פארמיידן יענץ מסוכנע אָרט און גיין ווייטער. אזוי, מסתמא, האָט פּאַסירט שטענדיק, באַם קרייצן די בריק. נאָר, דאָס מאָל, ווי אָפּגערעדט, האָט איטלעכן געצויגן צו יענעם מקום; א שטעל־טאָן דעם טראָט; באַלד, זיך־דערשפּירן אומזיכער, א גליטש־טאָן; און, איידער וואָס־ווען, דו ליגסט שוין, אַן אויסגעצויגענער, געבראָכן רוק־און־לענד...

איטלעכער פאַל פון א מענטשן, דאָרט אינדרויסן, אפן שניי, אזוי אומגעלומפּערט און קאָמיש, עלטערע ווי קינדער; האָט ארויסגערופן בא

דער חברטע, באַ יענער פרוי אַ ספּאַזמאַטיש געלעכטער. אַזוי לאַכט מען, תחילת, ווען מע איז זיכער מיט זיך, אייזן־פעסט, אַז אַליין איז מען אוי־מער געפאַר; מיט מיר וועט עס נישט פּאַסירן... בלייבט דאָס לאַכן פונעם צווייטנס בלינדקייט, פון יענעמס פאַלשן טראָט... נאָר, באַלד קומט די קלאָרקייט, אַז — אַליין ביזטו מער נישט זיכער. אַז דו גייסט נישט צוריק מער. אַז דו באַגערסט עס אַליין. ביזט געבליבן אָן כוח. אָ, אַ וועלט מיט מענטשן פאַלט. איך לאַך, און פאַל אויך...

זי איז געבליבן ליגן אַף מיין אָרעם, אָן אויפגעלעכצטע, אַ האַלב־פאַרחלשטע. אין צימער, אַרום, איז געוואָרן גוט־טונקל, פינצטער. אַף יע־נעם צעציטערטן גרונט האָט אויפגעפלאַטערט פּלוצים דעם טאַטנס גע־שטאַלט. אַן אָרעמער פּראָסטער איד, פון דער אַלטער וועלט. אַן איש תמים. ער האָט מיך גערופן... „

— ...לייבעלע, וועסט גיין אַהיים, מיין קינד... מע וואַרט אַף דיר. קום...

— מיר גייען טאַטע... אָ, מיר גייען ביידע צוריק אַהיים.

די אלטע באָבע

אין דער היים בא אונז האָט זיך געטאָן אַן איבערקערעניש. געגרייט צו מיין שוועסטערס חתונה. דער טאַטע האָט זיך שוין דאָן געפעלט, און אף מיר האָט זיך געלייגט דער שווערער עול. פרייטיק, צו דער חופה, האָט מען געמוזט אַראָפּברענגען פון מושב־זקנים די עלטער־באָבע. יענע עובדה איז אויסגעפאַלן אף מיר.

אַן אַלטע געשיכטע. אַז דער זיידע, ר שלום חזן, איז נישט געוואָרן; איז נאָך די באָבע שיווע אַליין געבליבן בא דער שטוב, און די זאַכן פון פריער. זי האָט געוואָלט, די באָבע אַליין, אָנהאַלטן ווייטער די שטוב, ווי בא זיין לעבן; און די שטאָט וועט צאָלן שכירות — עליי ער לעבט... די אייגענע קינדער האָבן זיך אַריינגעלייגט אין דעם, נישט דערלאָזט. מע האָט צעטראָגן פון שטוב די זאַכן, בענקלעך, טישן. געמאַכט אַ פּאָגראָם. צעכאַפּט, ווי פון אַ פייער אַרויס, דעם זיידנס ספרים, די קליידער... די באָבע האָט צוגעזען, ווי מע האָט איר אויסגעליידיקט די שטוב; אויסגעליידיקט איר האַרץ. זי האָט געפּרוּווט זיך־ווערן מיט די אַלטע שוואַכע כוחות, אויסגעשטרעקט די הענט אין דער לופטן, פאַרשטעלן זאַכן, באַשיצן; זיך־געשטאַרקט און אָנגעשריגן: — ניטע, אַוועק׳ט!... — ווער דאָט איר געהערט? — אַז זי איז געווען אין איין חדר, ווען מע האָט גע־שלעפּט פונעם צווייטן. ביז, מע האָט איר לער־געמאַכט דאָס הויז, ווי אַ פּוסטן לאַמטערן. אַז זי האָט עס מער אַליין נישט דערקאָנט. זיך־געגנ־מען שרעקן אין די ליידיקע חדרים. וויינען, ווי אַ קליין קינד.

זי איז שוין געווען אַלט, די באָבע שיווע; אין די טיפע אַכציקער. זי האָט זיך גיך נאָכגעגיבן, נאָכן זיידנס אַוועקקומען. נאָר, אָפּגעבן אַליין

די נשמה קאָן מען אויך נישט. געפּאָדערט, ווי פאַר איר עלטער, אַ לעפל געקעכטס; אַ טרונק־וואַסער דערלאַנגען... מע האָט איר אונטערגעשיקט די אייניקלעך; מוידן אין די יאָרן, ווי סטויפּעס איינס־אין־איינס; זיי זאָלן איר לאַשטשען, אַריינקוקן אין צורה; באָבעניו, גוטינקע... מיר דאַרפֿן חתונה־האָבן; האָבן נישט קיין רעכט קליידל צום לייב; זאָג־אונז, וואו איז דאָס צירונג אַהינגעקומען?...

זיי פּלעגן איר אויסטאַפּן דערביי איטלעכס אבר; געמיינט, אפשר דאָ, דאָרט... זי פּלעגט זיך נישט לאָזן, די אַלטינקע. צוריקגעגאַנגען אין זיך, ווי אַ קינד, האָט זי זיך געשיצט זעלטן־כיטרע; אַרויסגעמאַכט פֿון יעדער געפֿאַר... די אייניקלעך, די מוידן־סטויפּעס; וועלכע האָבן געזוכט איינשלעפּן איר וואַכזאַמקייט מיט אַ קיכל, עפּעס אַנדערש, וואָס זיי האָבן איר געבראַכט צום סליונען; זיי פּלעגן, ברוגזע, זיך אַ וואָרף־טאָן פֿון איר; מלא חמה פאַר איר איינגעשפּאַרטקייט, דער באָבעס; איר אַ שטורכע־טאָן אין האַרץ, אַ ריס־טאָן פֿון מויל דעם ביסן. זיי זענען אַוועק מיט גאָרנישט.

אונזער שטוב; אַ טיר־לעם־אַ־טיר; האָט זיך געהאַלטן באַ דער זייט פֿון די אַלע יעלות. אַנדערע מענטשן געווען; אָרעם, נאָר איידל. אַז איך האָב דערהערט; אַליין אַ קינד נאָך; וויאַזוי די באָבע הונגערט, בין איך געוואָרן פֿאַרצאַפּלט פֿאַר שרעק, אַזוי האָט עס מיך פֿאַרקלעמט פֿאַרן האַרצן. איך האָב מיר פֿירגענומען, טאָג־באַ־טאָג, איר אַריינברענגען פֿון שטוב אַ שעלעכל סמעטענע, אַ לעפל געקעכטס; אַליין, פֿון מיין האַנט, איר געכאַרמעט; און זי האָט געוויינט, און געצאַפּלט, און אָנגעקוואָלן, און געגעסן. איך האָב אָנגעשטעלט מיין שוועסטערל, אינגער פאַר מיר, און זי האָט איבערגענומען מיין עובֿדה... אָבער, קיין תּכלית איז דאָס נישט געויען. צום סוף, האָט מען זיך אַרומגעזען אין שטאָט אויף דעם; מע האָט איר אַריינגעבראַכט אין מושבֿ־זקנים.

איצט, שוין נאָך יאָרן אין דעם; אַז איך בין געגאַנגען דער באָבען בעטן אויף דער חתונה, — בין איך אַליין נישט געווען זיכער באַ זיך, צי זי ווייסט נאָך גאָר עפּעס... אַן אַנדערער אויף מיין אָרט האָט מורא־געהאַט גאָר זיך פאַר איר באַווייזן; געשראָקן פאַר דער רוגזא; אויפגעקומען דער געוויסן פֿון אַמאָל און געביסן פאַרן האַרצן... דער באָבען געלאָזן הונגערן,

שוויין איינער; איצט, קריך בעסער נישט... נאָר א י ך איינער האָב מיך געמאָגט איינשטעלן, איר ברענגען צו באַשיינען אונז די שמחה...

איך האָב איר דערזען, און בין געבליבן אַ פאַרציטערטער. אַזוי אַלט, ווי מיין שטעטל. פון איר האָט זיך אַלץ געגאָסן, ווי פון נאַסע ווילגאַטשנע ווענט. זי האָט געצאַפּלט, געשנורכט, געלאַכט און געוויינט פאַראַמאָל מיט אַזוינע קליינע געלעכטערלעך־געוויינעלעך, געזופּט די לופט און געסאַפּעט, צוגעזונגען און געזשיפּעט — איין גרויל איז דאָס געווען פאַר מיר.

— באָבע שייוועו, אַ גוט־העלף דיר... איך בין לייבל, געדענקסט?...ביילע האָט היינט חתונה, בין דיך געקומען בעטן צו דער חופּה... דו ווילסט?... אַלע וואַרטן אַף דיר...

די באָבע האָט געהאַלטן אין טשאַווקען עפּעס, געקייעט. באַם דערהערן מיין נאָמען, האָט זי געטאָן אַ קער אין ד ע ר זייט איר פויגלשפאַרשפּיצטן און צעשויבערטן קאָפּ; זיך־פאַרזשמורעט אַף מיר, ווי אַף דער זון, פון אָנשטרענגונג; און, מיטיינמאָל:

— לייבעלע... האָט זי אויסגעקוויטשעט, אַ צעכוואַליעטע אין טויזנט שטראַלעכלעך; און אַלץ האָט זיך צעאַרבעט באַ איר אין יענער ריכטונג. מע האָט איצט געזען, וויאַזוי עס קאָכט אין איר — אַ מורא! — אַז בסך־הכל איז זי איצט דאָ אינגאַנצן נישטאָ. מיין נאָמען האָט צוריק געעפנט אין איר יענע צייט, יענע וואונד, ווען די באָבע האָט געהונגערט; און איך, דאָס גוטע קינד, קאָרמע איר פון דער האַנט, אַ טייער ביסעלע געקעכטס, אַ לעפל יויך, אַ פּעניצל פליייש... איצט קומט מיין שוועסטערל, ביילע; טייערע קינדער ביידע. מע שאַנעוועט דער באָבען, דערהאַלט איר דאָס האַרץ; לאָזט נישט אויסגיין פון הונגער...

איצט, האָט זי זיך צעוויינט. דאָס רשעות, אַ פּנים, פון די איבעריקע קינדער האָט איר נישט רוען געלאָזט... דאָ, האָט זי זיך איינגעבויגן, אומגעדרייט אין אַ זייט, געסאָפּעט און געפּאָרקעט זיך לאַנג; ביז, זי האָט אַפּערגעשלעפּט פון ערגעץ (אַ ודאי, פון אַ זאַק־קניפּל) עפּעס אַזאַ מין גלאַנציק געל־קויטיק שטיקל; צוגעוואונקען, אויפגעשטראַלט, אויפגעקוואָלן. עס אויסגעשטרעקט צו מיר...

— לייבעלע... נאַ, באַהאַלט עס... פּאר ביילעניון, מיר'טשעשעם, אַז זי וועט זיין אַ כלה־מויד...

און זי האָט עס מיר גיך אריינגעשטעקט אין האַנט אריין, איר גאָלדן זייגערל, וואָס זי האָט אַזוי כיטרע־זקנה'ש אויסבאַהאַלטן, די אַלע יאָרן, פאַרן לויערנדן בליק פון יענע אומווירדיקע אייניקלעך... זי האָט זיך אומ־געקוקט, מיט מורא, אַצינד אין אַלע זייטן. שאַ. וואויל. קיינער האָט נישט באַמערקט...

זי האָט געהאַט בדיעה, איצט אַ פּנים, צוריקקערן צו איר רו, נאָך אַזויפיל אָנשטרענגונג פאַראַמאָל. איך האָב זיך געוועדט, בלייבנדיק אין גרויס פאַרלעגנהייט...

— באָבע שייוועע... — איך האָב געלאַכט צו איר קוקנדיק, נישט גע־לאָזט איינשלעפן אין איר דעם אויפגערודערטן בינשטאָק, איר צוגעגיבן מוט — ביילע איז שוין אַ גרויסע מויד... אַ כלה... היינט איז די חתונה... בין דיך געקומען בעטן צו דער חופּה, באָבע טייערע...

מיט האַרצקלאַפּ, האָב איך געוואַרט, איר אָבסערווירט. פּאר מיינע אויגן איז געשען דער נס. וויאַזוי זי האָט גענומען אָפּלעבן, לויפן שנעל, שנעל, ווייטער, ווייטער; אַליין איז זי צוגעקומען צום טאָג, צו דער שעה, ווען ביילע איז שוין אַ גרויסע...

— א י ר ב יי ל ע נ י ו, טאַקע, אמת, אַ גרויסע מויד געוואָרן?!. לייבעלע, וואָס שטייסטו?...

און זי האָט אויפגעשטראַלט ווידער און זיך צעבליפּעט. אַזוי שיינען אויף הייליקע מאַמישע פּנימער, בעת זיי וויינען, און זיי פירן די גרויס'ע קינדער אויסגעבן אין דער פרעמד. אַזוי שיינט אויף, און וויינט אונזער הייליק אידיש לעבן, ווען עס שיקט אונז אין דער וועלט. אַזוי לויכט און וויינט אונזער שיקזאַל...

מע האָט אַ רוף־געטאָן אַ פּרוי פונעם הויז, גענומען דער באָבען אָנ־טאָן. פון איר קופערט אַפּגענומען אַ פּאַרצייטישע געל־זיידענע רעטאָנ־דע, אַ שאַרף, וואָס האָבן געריסן פאַרן האַרצן מיט שימל און נאַפּטאַלינע. די באָבע האָט צוגעאײַלט דער פרוי, שוין נישט געוואָלט איינשטיין אַף קיין אָרט, מורא־באַקומען — זי וועט נישט באַווייזן... גיכער!... —

...עס איז שוין געווען גאַנץ־שפּעטלעך, ווען איך מיט דער באָבען האָבן גענומען צופאָרן אַהיים. דער קאָטש האָט געמוזט גיין, די גאַנצע צייט, פּאַמעלעך, טראָט־באַ־טראָט. ווער עס איז אָנגעקומען אַפן וועג, דער־זען די טשיקאַווע יאַזדע; איז שוין מער נישט געגאַנגען אַהין, וואו מע האָט גערעכנט. זיך־פאַרקערעוועט מיט אונז. עולם האָט זיך געזאַמלט; דאָס גאַנצע שטעטל; אַלע האָבן זיך געשפּאַרט פונפאָרנט, צום קאָטש... די באָ־בע אַליין האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט; ווי אין א ווינקל געוויגט, געדרעמלט, געשמייכלט... מע איז אונז געגאַן אַנטקעגן און גלייך באַ־מערקט אונזער אָנקום, די פּראָצעסיע פונוויטן. איצט, איז מען אונז פאַר־לאָפן דעם וועג, אַוועק צוטראָגן די בשורה...

— ער פאָרט מיט דער באָבען, ער פירט איר... גאַנץ שמידאָוויץ מיט זיי, קינד און קייט... — איז געגאַנגען פון מויל צו מויל, ווי אַן אונטער־געצונדענער קנויט, און אויפגעריסן דאָרט, וואו מע דאַרף. די קאַפּעליע האָט אויסגעזעצט א פריילעכס, דער באָבען מקבל־פּנים־זיין. אַלע האָבן זיך ארויסגעשאָטן פון שטוב אינדרויסן, דער באָבען אַנטקעגן... דער קאָטש איז געבליבן שטיין. זי האָט צעוואַכט פונעם דרימל, געבליבן זיצן שטייף, און אַלץ נישט אויפגעהערט צו שטראַלן מיט דער גאַנצער פויגלשער צורה... נאָר, פלוצטהאַלבן, האָט זי זיך געטאָן א ציַ; דערלאַנגט א סווישטש פון־נעם האַרצן און א כריפּ — אָ, וואָס גייט זי טאָן?!. — מענדל, ביילע, ירחמיאל, אָ, הייליקע אידישע קינדער, וואָס וועט דאָ זיין?!.

די אַלטע באָבע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און — גענאָסן. און שוין — זיך איינגאַנצן ענטלאָסן...

— זאָל זי זיין א גוטע בעטערן פאַר אונז און פאַרן גאַנצן שטעטל, אָמן.